STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04838

VOS HEYST NATSYON?

Ph. Krantz

Permanent preservation of this book was made possible
by Herbert & Dianne Newman
in memory of
Celia Lifshitz Newman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

וואס הייסט נאציאן?

זיינען אידען א נאַציאָן?

אַלגעמיינע בעטראַכטונגען איבער דער

נאַציאָנאַליטעט - פראַגע.

פון

פיליפּ קראַנץ.

Copyright by the International Library Publishing Co. 1908.

אַרויסגעגעבען פון

א. מ. יעוואַלענקאָ

ניו יאָרק

I.

אלוועלטליכע שטרעבונגען און נאציאָנאלע געפיהלען.

ווען מען שטודירט דיא געשיכטע פון 19־טען יאהרהונדערט, ווערט מען ערשטוינט פון א זעהר טיעפען און גרויסען ווידערשפרוך וועגען דיא נאציאָנאליטעטס־פראגע, א ווידערשפרוך, וועלכער ווערט אלץ גרעסער און מערקווירדיגער וואָס נעהענטער מען קומט צום 20־טען יאהרהונדערט.

פון איין זייט זעהען מיר א פערשפרייטונג פון אידעען וועגען א פעראייניגונג און פערברידערונג פון אלע פעלקער, וועגען די שעדליכקייט פון נאציאָנאלע אָבגעזונדערטקייט און זאָגאר וועגען א פעדעראציאָן פון דיא ציוויליזירטע נאציאָנען פון גאנץ אייראָפא אויף דיא פונדאמענטען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. דיזע אידעען, וועלכע ווערן בעצייכענט מיט דעם וואָרט קאָסמאָפאָליטיזמוס (פון די גריכישע ווערטער קאָסמאָס—וועלט און פאָליטעס—בירגער), זיינען געפּרעדיגט געוואָרען פון דיא גרעסטע דענקער און שרייבערס אונטער דעם ריזיגען איינפלוס פון דיא ריזיגע איבערקעהרעניס, וואָס דיא גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט געמאכט אין דער וועלט. וויא נאָר דיזע רעוואָלוציאָן, וועלכער מיר האָבען צו פערדאנקען אונזערע יעצטיגע פּאָליטישע פרייהייטען, האט צושטערט דיא לעצטע ראמקעס פון דער אלטער געזעלשאפטליכער אָרגאניזאציאָן, דיא זאָגענאנטע פעאָדאלע סיסטעם, אין וועלכער דיא פעלקער זיינען איינגעקלאמערט און איינגעשמידט געוועאָרען אין פינסטערען מיטעלאלטער—האָבען פיעלע מענשען גענומען טרוימען וועגען א פערברידערונג פון אלע פעלקער. עס האָט זיך דאן געדוכט, אז עס איז גאָר א לייכטע זאך אויסצופיהרען דיזע טרוימען אין דער פראקטיקע.

דיא נייע עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועלכע האָבען זיך אויך בעפעסטיגט און פערשפרייט דורך דיא גרויסע פראָנצויזישע רע־

וואָלוציאָן—נעמליך: דיא ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם מיט דער פרייער קאָנקורענץ—וויא אויך דיא אונגעהייער וויכטיגע וויסענשאַפּטליכע ענטדעקונגען און טעכנישע ערפינדונגען האָבען נאָך פיעל צוגעהאָלפען צו דער פערשפּרייטונג פון קאָסמאָ־פּאָליטישע געדאַנקען.

עס איז גענוג צו נעהמען אין אנבעטראַכט, וואָס פאר א גרויסע ווירקונג דיא ערפינדונג פון אייזענבאַהנען און דאַמפּפערס האָט געמוזט האָבען אויף אַלע פעלקער, אום צו בעגרייפען, אז דיא אַלטע אבגעזונדערטקייט און נאַציאָנאַלע פּאַראָרטהיילע האָבען געמוזט אויפהערען און יעדענפאַלס זעהר שנעל אָבגעשוואַכט ווערען. דורך די אייזענבאהנען איז דער פערקעהר ריזיג געוואַקסען. ווייטע רייזען זיינען געוואָרן א געוועהנליכע זאַך. דיא פערוואָרפענסטע געגענדען זיינען פערבונדען געוואָרען מיט דיא צענטערס פון ציוויליזאַציאָן. נאָך אין אָנפאַנג פון 19טען יאהרהונדערט איז דער פערקעהר צווישען ווייטערע געגענדען געווען שווער. רייזען פון איין לאַנד אין אַן אנדע־רע זיינען געווען א זעלטענהייט פיר געוועהנליכע מענשען. א רייזע איבערן ים, בעזאָנדערס איבער דעם אטלאַנטישען אָקעאַן, איז גע־רעכענט געווען פאר א זעהר געוואַלטיגע אונטערנעהמונג. טאַקע זעהר ווייניג מענשען האָבען געוואַגט צו מאַכען זעהר ווייטע רייזען.

דער רעזולטאַט דערפון איז נאַטירליך געווען, דאָס ניט נאָר מענ־שען פון פערשיעדענע לענדער, זאָנדערן אפילו פון ווייטערע פּראָווינ־צען אין איין לאַנד זיינען געווען אָפּגעזונדערט, ענטפרעמדעט. יעדע גרופּע אין בעשטימטע אומגעגענד האָט זיך געלעבט נאָך איהרע אַלטע מנהגים און האָט זעהר ווייניג געוואוסט פון אנדערע. דיא רע־גריפע פון איין פאָלק איבער אַן אנדערן זיינען געווען זעהר שוואַכע און דונקעלע, מיט אויסנאַהמע נאַטירליך פון געבילדעטע און גע־לערנטע מענשען. יעצט, ווען מיר זיינען אַזוי צוגעוואָהנט צו אייזענ־באהנען, אז מיר פערשטעהען גאָר ניט, וויא מען האָט פריהער גע־קענט אויסקומען אָהן זיי, יעצט דאַרפען מיר געברויכען אונזער פאַר־שטעלונגס־קראַפט, אום צו בענעהמען דעם אַמאָליגען צושטאַנד, ווען דיא דיליזשאַנסען אויף שאָסעען זיינען געווען די בעסטע און שנעל־סטע רייזע־מיטעל.

דיא ערפינדונג פון טעלעגראף האָט מעכטיג צוגעהאָלפען צו ברעכען דיא פריהעריגע אָבגעזונדערטקייט און צו פערשטארקען דעם פערקעהר צווישען פעלקער און אויך צווישען איינוואָהנער פון איין לאַנד. אויסערדעם האָבען דיזע ערפינדונגען, ווי פיעלע אנדערע אין וויסענשאַפטען און טעכניקע, געבראַכט צו א ריזיגע ענטוויקלונג פון אינדוסטריע און האנדעל, וועלכע האָבען פון זייער זייט ארויסגערופען גלייכע עקאָנאָמישע בעדינגונגען אין אלע ציוויליזירטע לענדער. עס איז שנעל פאָרגעקומען אן אויסגלייכונג ניט נאָר אין דיא פּאָליטישע פיהרונגען, זאָנדען אויך אין דיא זיטליכע. דיא אלטפרענקישע מנהגים זיינען אָבגעשוואכט געוואָרען אפילו אין דיא פערוואָרפענסטע ערטער. אין דיא מעהר פאָרגעשריטענע ערטער האָט מען דיזע מנהגים שנעל פערוואָרפען און מען האָט זיך געשניטען אויף איין וועג אין געזעלשאפטליכען פערקעהר. דיא אמאָליגע נאַציאָנאלע קאָסטיומען, צום ביישפיעל, זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען אין דיא ציוויליזירטע לענדער, זיי פערבלייבען נאָר יעצט אלס א קוריעזער אנדענקען אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלאך.

עס זיינען אויך געשאפען געוואָרען פיעלע אינטערנאציאָנאלע איינריכטונגען. ניט נאָר אייזענבאהנען, פּאָסטען און טעלעגראפען זיינען פערבונדען געוואָרען אין ציוויליזירטע לענדער אום צו ערלייכטערן דעם פערקעהר (דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף פיעלע אינטערנאציאָנאלע קאָנגרעסען פון ספּעציאליסטען), זאָנדערן אויך דיא סיסטעמען פון פינאנצען, בילדונג און קונסט. אפילו דיא זעלבע מאָסען, נעמליך: דיא מעטרישע סיסטעם, זיינען איינגעפיהרט געוואָרן אין פיעלע לענדער און עס וועט ניט לאנג דויערן ביז זיי וועלען אנגענומען ווערען אין דער גאנצער וועלט.

דאס אלעס האָט נאטירליך געמוזט פיהרען צו אלץ נעהענטערע און פריינדליכערע בעציהונגען צווישען פעלקער, צו אן עהנליכען מאטעריעלען און גייסטיגען צושטאַנד וויינינגסטענס אין דיא מעהר ענטוויקעלטע ציוויליזירטע לענדער. נעהמענדיג נאָר אין אנבעטראכט דיא יעצטיגע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, קען מען זאָגען, אז דיא ציוויליזירטע מענשהייט איז ניט צוטהיילט אין נאציאָנען, זאָנדערן אין קלאסען. דיא ארבייטער קלאסען פון צוויי נאציאָנען, לאָמיר זאָגען,

דיא דייטשע און פראנצויזישע, אונטערשיידען זיך אין זייער טאג־מעגליכען לעבען וויינינגער וויא מיט זייערע אייגענע מיטבירגער פון דיא רייכע קלאסען. דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען דיא קאַפיטאליסטישע קלאסען פון דיא ציוויליזירטע לענדער. דיא אינטערעסען פון די קלאסען—די ארבייטער און ארבייטס־געבער—זיינען איבעראל אזעלכע, אז זיי האבען בעדארפט פיהרען צו אן אבשוואכונג פון נאציאנאלען געפיהל און צו א פערשטערקונג פון קאסמאפאליטיזמוס.

אבער טראָץ דעם אלעם, וואס זעהען מיר פון דער אנדערע זייט? עס איז גענוג א בליק צו ווארפען אויף דיא קארטע פון אייראפא, אום זיך צו איבערצייגען, אז ניט נור זיינען אלע פריהערע נאציאנען פערבליבען. זאנדערן עס זיינען נאך אויפגעקומען פילע נייע אין 19טען יאהרהונדערט. גראדע אזוי וויא אויף צו להכעיס די אלע איינהייטליכע און קאסמאפאליטישע ווירקונגען, האבען זיך שטאאטען געשפאלטען לויט נאך געוויסע נאציאנאלע שטימונגען און נייגונגען. עס זיינען געשאפען געווארען נייע שטאאטען ניט נאר אין אמעריקא, וואו אלע יעצט עקזיסטירענדע רעפובליקען פון מעקסיקא ביז ארגענטיניען און טשילי האבען אראפגעווארפען פון זיך דעם שפאנישען יאך, זאנדערן אויך אין אייראפא. עס איז גענוג אנצוצייגען אויף די ענטשטעהונג פון גריכענלאנד, רומעניען, סערביען און בולגאריען.

נאר וועגען דיא באלקאנישע לענדער קען מען זאגען, אז דיא אויסשיידונג פון נאציאנאלע גרופען איז ענטשטאנען דורך דעם, וואס דיא קריסטליכע בעפעלקערונג האט זיך ניט געקענט צוזאמענמישען מיט דער מאהאמעדאנישער און האט שטענדיג געזוכט א געלעגענהייט אראפצושליידערן פון זיך דעם טערקישען יאך. דערצו נאך זיינען דיעזע פעלקער בעפרייט געווארען מיט דער הילפע פון אייראפייאישע גרויסמעכטע. דאס איז אמת, אבער דורך דעם אליין וואלטען נאך ניט געשאפען געווארן נייע שטאאטען מיט אבגעזונדערטע נאציאנאליטעטען. אויף דיא באלקאנען איז פארגעקומען און עס ווערט נאך פארטגעזעצט דער זעלבער פראצעס פון נאציאנאלע אויפלעבונג, וויא אין אנדערע לענדער פון אייראפא, וואו דיא אמאליגע פעלקער

גרופּען זיינען נאָך ניט צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרן ביז דעם אָנפאַנג פון 19־טען יאהרהונדערט.

בעלגיען און האָלאַנד האָבען גאַנץ גוט געקענט זיין פערבונדען אין איין שטאַאט, פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך אָבגעטהיילט. אין בעלגיען וועט נאָך מיט דער צייט פאָרקומען א נייע אבטהיילונג נעמליך פלאַנדריען, וואו מען רעט פלעמיש (א האָלענדישער דיאַ־לעקט), וועט זיך אָבשיידען פון וואַלאָן, וואו מען רעדט פראַנצויזיש. אין איטאַליען איז פאָרגעקומען א צוזאַמענשטעלונג פון דיא פריי־הערע אָבגעטהיילטע פּאָליטישע גרופּען. גאַנץ איטאַליען איז פער־אייניגט געוואָרען נאָך א לאַנגען און ביטערן קאַמפּף, נאָך פיעלע אָפּ־פער און שלאַכטען, און יעצט געהט נאָך אָן דיעזע פעראייניגונגס בעוועגונג אין דיא טהיילען פון עסטרייך, וואו איטאַליעניש איז פער־בליבען די פּאָלקס־שפּראַך. דאָס זעלבע איז אויך געשעהן אין דייטש־לאַנד, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען א גרויסע אימפּעריע אונטער דער העגעמאָניע (אויבערמאַכט) פון פּרייסען.

אבוואָהל מען האָט געמוזט פיהרען מלחמות, אום דיעזע פערבינ־דונגען אויסצופיהרען, אָבער מיט דער מאַכט פון שווערדען וואָלט מען שליסליך גאָר ניט אויפגעטאָהן, ווען עס וואָלט ווירקליך ניט עק־זיסטירט אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער געפיהל צווישען דיא פריהערע אבגעטהיילטע גרופען פון איטאַליען און דייטשלאַנד — אָפט גאַנץ קינסטליך אָבגעטהיילט, בלויז דורך געוויסע דינאַסטישע אינטערע־סען. דיא עקזיסטירענדע נאַציאָנאַלע נייגונגען און שטרעבונגען האָ־בען אונאויפהערליך געטריבען אָפּצוראַמען אַלע שוויריגקייטען און שטערונגען אויף דעם וועג צו פעראייניגונג, און צוויי נייע גרויסמעכ־טע האָבען זיך שליסליך געבילדעט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טען יאָהר־הונדערט.

און יעצט, אונטער אונזערע אויגען, קומט פּאָר א ריזיגער נאַציאָנאַלער קאַמפּף אין דער אַלטער האַבסבורגער אימפּע־ריע, אין עסטרייך־אונגאַרן. דיעזער קאַמפּף פיהרט ניט צו א פער־אייניגונג, זאָנדערן צו א שפּאַלטונג פון דיא פעלקער וואָס זיינען גע־ווען פּאָליטיש פערבונדען זייט יאהרהונדערטע. די דייטשען, אונגאַ־רען, טשעכען, סלאָוואַקען, פּאָלאַקען, קראָאַטען א. ז. וו. קענען אויף

קיין פאל ניט שטימען צוזאמען. דער נאציאָנאלער צווישענ־קאמפף ווערט אַנגעפיהרט אזוי העפטיג און ביטער אין אלע וויג־קעלעך פון דער האבסבורגער אימפעריע, אז מען רעכענט, דאָס גלייך נאָך דעם טויט פון דעם אלטען קייזער פראנץ יאזעף וועט זיא צו־פאלען ווערן, און עס וועלען זיך בילדען נייע שטאאטען. יעדענפאלס איז עס נאָר א פראגע פון צייט — יעדער געשיכטליכער נאָכפאָרשער אנערקענט, אז דיא יאָהרען פון דער האבסבורגער אימפעריע זיינען געצעהלטע.

אין איינינגע לענדער ווערען אלץ שטארקער די זאָ־גענאנטע סע־פּאראטיסטישע שטרעבונגען, דאָס הייסט שטרעבונגען אָפּצוזונדערן זיך איין פּאָליטישע גרופען אין בעשטימטע געגענדען אָדער פּראָ־ווינצען. בעזאנדערס איז יעצט אזא בעוועגונג שטארק אין שפּאניען. דיא זאָ־גענאנטע קאטאלאנען (דיא איינוואהנער פון דיא פּראווינץ קאטאלאָניען מיט דער הויפּט שטאדט בארצעלאָנאָ) האָב'ן זיך זייער שפּראך און פערלאנגען אלץ העכער אויטאָנאָמיע (זעלבסט־פערוואלטונג).

דאָס אלעס צייגט אונבעשטרייטבאר, אז דיא נאציאָנאלע גרו־פּירונגען און נייגונגען ווערען אלץ טיעפער פערברייטעט און איינ־געווארצעלט. דיא שטרעבונג פון דער ציוויליזירטער מענשהייט איז גראדע ניט צו א גרויסען קאָסמאָפּאָליטישען שטאאט, וויא מען וואָלט עס בעדארפט אָננעהמען נאָך דיא עקאָנאָמישע און סאָציאל־פּאָליטי־שע אומשטענדען אין דער ציוויליזירטער וועלט, נאָר פארקעהרט צו אלץ ענגערע נאציאָנאלע אָדער וויינינגסטענס אויטאָנאָמע גרופּען. דיא געשיכטע צייגט אונז, אז גרויסע אימפעריעס האָבען זיך קיין מאָל ניט געקענט לאנג האלטען, ניט אין אלטערטהום, ניט אין מי־טעל־אלטער און ניט אין דער נייער צייט. נאפּאָלעאָן דעם ער־שטענ'ס פּאָליטישע געביידע איז אזוי שנעל צופאלען געוואָרן וויא אלכסנדר מוקדן'ס. דיא ערשטע און וויכטיגסטע אורזאכע דערפון ליעגט אין דעם, דאָס גרויסע אימפּעריעס ווערען צוזאמענגעשטעלט פון פעשיעדענע פעלקער, וועלכע בלייבען איננערליך אָבגעזונדערט און זאגאר פיינדליך. ביי דער ערשטער גינסטיגער געלעגענהייט הייבען זיי זיך אויף און פערניכטען דיא גאנצע געביידע, וואָס דיא

קריגערישע הערשער האָבען אויפגעבויט אויף בערג מיט מענשליכע ביינער.

אבער ווארום איז דאָס אזוי ? ווארום פערבלייבען דיא נאציאָ־נאלע געפיהלען אזוי פעסט איינגעוואָרצעלט אפילו ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער ? וויא אזוי קומט עס, אז דער נאציאָנאלער כאַראקטער ענדערט זיך כמעט גאָר ניט אונטער דעם איינפלוס פון דער מאָדערנער ציוויליזאציאָן, וועלכע איז אינטערנאציאָנאל ?

אום צו קענען ענטפערען אויף דיזע פראגען, וועלען מיר צו־ערשט בעטראכטען, וואָס הייסט אייגענטליך א נאציאָן, וואָס בע־שטימט דעם כאראקטער פון א נאציאָן.

II.

וואָס הייסט נאציאָן ?

דיא נאציאָנאליטעטס־פראגע איז נאטירליך גרינדליך בעטראכט גע־ווארן פון פיעלע פילאָזאָפען און נאָכפאָרשער. מען האָט לאנג געזוכט צו בעשטימען דיא אורזאכען פון דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון נאציאָנען און אויך דיא אורזאכען, וועלכע פיהרען צו דער אָפּ־שוואכונג און זאָגאר צום פּאָליטישען טויט פון געוויסע נאציאָנען און צו דער אויפלעבונג און פערשטערקונג פון אנדערע. מיר קענען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף די פערשיעדענע אנטווארטען וואָס זיי־נען געגעבען געוואָרען פון פערשיעדענע פילאָזאָפען און סאָציאָלאָגען. מיר ווען דאָ נאָר איבערגעבען דעם רעזולטאט פון דיא לעצטע נאכפאָרשונגען, וואָס איז בעזאָנדערס קלאָהר און דייטליך אויסגע־דריקט געוואָרן פון פּראָפעסאָר לאַצארוס (א דייטשער איד) און פון דעם וועלט־בעריהמטען פראנצויזישען שרייבער און געלעהרטען ער־נעסט רענאָן. מען קען זאגען, אז זייערע אויספיהרונגען זיינען דער לעצטער וואָרט וועגען דיזען העכסט וויכטיגען און אינטערעסאנטען עניז.

אונטער דעם וואָרט נאציאָן פערשטעהט מען געוועהנליך א געוויסע גרופּע מענשען פון א געוויסע ראסע אדער אָבשטאמונג וואס ריידען א בעשטימטע שפּראך, האָבען א בעשטימטע רעליגיאָן און בעשטימטע געמיינשאפטליכע אינטערעסען און פערנעהמען א בע־שטימטע שטיק לאנד, וועלכע זיי רופען זייער פאטערלאנד און בע־הערשען וויא זיי ווילען און פערשטעהען.

קורץ גערעט, דיא געוועהנליכע סמנים פון א נאציאָן זיינען פאָל־
גענדע: 1) ראסע, 2) שפּראך, 3) רעליגיאָן, 4) לאנד אדער גע־
אָגראפישע לאגע און 5) געמיינשאפטליכע אינטערעסען.

לאמיר יעצט בעטראכטען, אויב דיעזע סמנים בעשטימען ווירק־
ליך דעם כאראקטער פון אירגענד וועלכע פון דיא היינטיגע נאציאָ־
נען.

1) ראסע.— קען מען זאָגען, אז דיא מיטגליעדער פון א היינטי־
גע נאציאָן שטאמען פון איין ראסע און אפילו פון איין פאָלק? עס
איז גענוג בלויז צו שטעלען זיך דיעזע פראגע, אום צו ענטפערן אויף
איהר בעשטימט: ניין.

מיר וועלען שוין ניט ריידען וועגען דיא בעפעלקערונג פון די
פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכע איז צוזאמענגע־
שטעלט געוואָרען פון עמיגראנטען פון אלע פעלקער פון דער אלטער
וועלט מיט א קליינע צומישונג פון אינדיאנער בלוט און וועלכע ווערט
ביסלעכוויז צוזאמענגעשמאָלצען אין א נייע נאציאָן. מיר וועלען
גראדע נעהמען פאר א ביישפּיעל דיא אלטע פראנצויזישע נאציאָן,
וועלכע מען קען בעטראכטען פאר דיא צוזאמענגעשמאָלצענסטע און
איינהייטליכסטע, ווייל אין איהר עקזיסטירען כמעט קיינע סעפּאַ־
ראטיסטישע שטרעבונגען.

בעשטעהט דען דיא פראנצויזישע נאציאָן פון איין ראסע?
ניין. דיא געשיכטע פון פראנקרייך צייגט אונבעשטרייטבאר, אז דיא
פראנצויזישע נאציאָן איז א צוזאמענמישונג פון גאנץ פערשיעדענע
פעלקער: פון דיא אלטע קעלטישע פעלקער, וויא דיא איבעריאנער,
נאלען, בעלגיער א. ז. וו. פון דיא רוימער וועלכע האָבען בעזיעגט
דיעזע פעלקער אונטער דעם קאָמאנדע פון יוליוס צעזאר, און פון
דיא גערמאנער אָדער דייטשע פעלקער, וועלכע האָבען צושטערט דיא
רוימישע אימפעריע. איינער פון דיעזע גערמאנער פעלקער, די פראנ־
קען, האט זיך דאָרט שליסליך אזוי פעסט בעזעצט, אז ער האָט
איבערגעלאָזען זיין נאָמען דעם לאנד, וואו מענשען האָבען נאָך גע־
לעבט אין דער צייט, ווען גאנץ אייראָפּא איז בעדעקט געווען מיט
אייז, וויא דאָס איז אונבעשטרייטבאר בעוויעזען געוואָרען דורך פיע־
לע אויסגראָבונגען.

צו דיעזער ערשטער מישונג פון ראסען און פעלקער זיינען נאָך צוגעקומען אנדערע פעלקער אין פערלויף פון דיא יאהרהונדערטע, ווען די פערשידענע טהיילען פון דאס יעצטיגע פראנקרייך זיינען צו־זאמענגעבונדען געווארן דורך מלחמות אין א מאָנארכי, וועלכע האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אונטער דעם קעניג לודוויג דעם פערצעהנטען (ער פלעגט עס זאָגען: „דער שטאאט—דאָס בין איך"). איז דיזע צייטען און נאכהער האָבען זיך דיא פראנצויזען נאטיר־ליך צוזאמענגעמישט מיט דיא דייטשען, ביי וועלכע זיי האָבען צוגענומען עלזאס־לאָטארינגען; מיט דיא איטאליענער, ביי וועל־כע זיי האָבען צוגענומען סאוואָא, און מיט אנדערע פעלקער.

וואָס אָנבעלאנגט צו דיא ענגלענדער און איטאליענער, זיינען זיי נאָך מעהר צוזאמענגעמישט פון פערשיעדענע פעלקער וויא דיא פראנצויזען; דען ענגלאנד איז עטליכע מאָל איינגענומען געווארן פון פערשיעדענע פעלקער (דעם לעצטען מאָל פון דיא נאָרמאנען, וועלכע האָבען זיך אריינגעריסען אהין פון פראנקרייך און האָבען געבראכט מיט זיך דיא פראנצויזישע שפראך, זאָ דאָס דיא ענגלישע שפראך איז ענטשטאנען דורך א צוזאמענמישונג פון אלט־סאקסיש מיט פראנצויזיש); אין איטאליען איז נאָך אין דיא צייטען פון דער רויִ־מישער אימפעריע בעזעצט געוואָרען פון אלע דאמאָלסדיגע פעל־קער (דאס איז ספעציעל געשעהן דורך די איינפיהרונג פון מאסען שקלאָווען). צו וועלכע עס זיינען נאכהער צוגעקומען דיא קריגערישע גערמאנער שטאמען.

דאָס זעלבע איז אויך מיט שפאניען (איהר זידליכער טהייל איז אויך בעזעצט געווען פון אראבען), מיט דייטשלאנד, וואו עס האָבען געלעבט פיעלע סלאווישע פעלקער, וואָס דאָס איז אונבעשטרייט־באר בעוויעזען געוואָרן פון פיעלע געלעהרטע נאכפאָרשער, און מיט רוסלאנד, וועלכע פלעגט זעהר אָפט בעפאלען ווערען פון פערשיעדענע אזיאטישע שטאמען און איז א צייט לאנג בעהערשט געוואָרען פון טאָטערם.

אפילו דאָס אידישע פאָלק (אויב מען קען זאָגען: „אידישע נא־ציאָן", וועלען מיר שפּעטער זעהן) איז פיעל מעהר צוזאמענגעמישט געוואָרען מיט אלע פעלקער, צווישען וועלכע דער גלות האָט זיי פער־

טריעבען, וויא מען דענקט עס געוועהנליך. נאָך אין ארץ ישראל זיינען דיא אידען צוזאמענגעמישט געוואָרן מיט דיא כנענים און אויך מיט ניט־סעמיטישע פעלקער.

מיט איין וואָרט עס איז ניטאָ אזא נאציאָן, וואס זאָל ניט זיין צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע פעלקער און ראסען.

2). שפראך.— קען מען רעכנען א שפראך פאר א צייכען פון א נאציאָן? געוויס ניט. אין גאנץ אלטע צייטען, ווען מענשען זיינען געווען אָבגעזונדערט, האָט יעדער שטאם געהאט אַן אייגענע שפראך. דאן איז א שפראך טאקע געווען א בעשטימטער צייכען פון א בע־שטימטען שטאם. אָבער מיט דער צייט האָבען זיך שטאמען צוזאמענ־געמישט. שטארקערע האָבען בעזיעגט שוואכערע, און עס האָבען זיך געבילדעט פעלקער מיט געמישטע שפראכען. אָבער מיר דארפען ניט פערקריכען צו ווייט אין דער פערגאנגענהייט, אום צו זעהן וויא שפראכען שטימען ניט מיט נאציאָנאלע גרופּירונגען.

ענגליש, וועלכע איז יעצט דיא פערברייטעסטע שפראך אויף דער וועלט, ווערט געשפּראָכען אין נאָרד־אמעריקא און דיא ענגלישע קאָלאָניעס פון פערשיעדענע פעלקער, אויך אין דער אפריקאנער נע־גער־רעפּובליק ליבעריא. פראנצויזיש ווערט געשפּראָכען אין דיא פראנצויזישע קאָלאָניעס, אין א טהייל פון בעלגיען, שווייץ און קאַ־נאדא. דייטש ווערט געשפּראָכען אין טהיילען פון עסטרייך און שווייץ. איטאליעניש ווערט געשפּראָכען אין טהיילען פון עסטרייך, פראנקרייך און שווייץ. שפּאניש ווערט געשפּראָכען אין אלע צענ־טראל זיד־אמעריקאנער רעפּובליקען מיט אויסנאהמען פון בראזיליען, וואו דיא לאנדשפראך איז פּאָרטוגעזיש. אראביש איז געווארען דיא שפראך פון פערשיעדענע פעלקער אין נאָרד־אפריקא, פון עגיפּטען ביז מאַראָקאָ.

3). רעליגיאָן.— איז רעליגיאָן א בעשטימטער צייכען פון א נאציאָן? נאָך פיעל ווענינער וויא א שפראך. אין אלטערטהום זיינען רעליגיאָנען געווען, קען מען זאָגען, נאציאָנאלע. יעדער שטאם האָט זיך געהאט זיינע געטער, וועלכע ער האָט בעטראכט אלס זיינע ספּע־ציעלע בעשיצער און אלס פיינדע פון דיא שטאמען, מיט וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו פיהרען מלחמות. מען האָט געגלויבט, אז דיעזע

געטער נעהמען אליין אנטהייל אין דיא מלחמות פון זייערע געליעבטע פעלקער. נידערלאגעם האָט מען, וויא דער שטייגער איז, צוגעשריבען צו דיא זינד, וואָס מען האָט בעגאנגען געגען דיעזע בעשיצענדע גייס־טער אָדער געטער. דיא שקלאווען, וועלכע האָבען געוועהנליך געהערט צו אנדערע פעלקער וויא דיא הערען (קריעגסגעפאנגענע פלעגט מען מאכען פאר שקלאווען, ווען מען פלעגט זיי ניט אויסשלאכטען), האָ־בען זיך געהאט זייערע אייגענע געטער, און דיא הערען זייערע. דיא הערען האָבען יעדנפאלס ניט געזוכט צו בעקעהרען זייערע שקלאווען צו זייער גלויבען. פארקעהרט, מען האָט דיא שקלאווען אויסגעשלאָ־כען פון דיא רעליגיעזע צערעמאָניעס פון דיא פרייע בירגער. רעלי־גיעזע צערעמאָניעס זיינען דאן איבעראל געווען דאָס זעלבע וואָס נא־ציאָנאלע פעסטליכקייטען.

דארום איז דער פראָזעליטיזמוס (דאס הייסט: דיא נייגונג אָדער שטרעבונג צו בעקעהרען צו א בעשטימטען גלויבען) געווען אזוי מערקווירדיג שוואך אין דיא אלטע צייטען. אפילו דיא אידען, וועלכע זיינען געווען אין אלטערטהום דאָס איינציגע פאָלק מיט א גלויבען אין איין גאָט און וועלכע האָבען צוליעב דעם בעדארפט קומען צו דעם בעגריף, אז איין גאָט איז דאָך פיר אלע מענשען, צו וועלכען שטאם זיי זאלען ניט געהערען—אפילו דיא אידען זיינען אויך געווען ענג־נאציאָנאל אין זייער אמונה, טאקע אתה־בחרתנו'קעס, וויא דיא ביבעל צייגט עס גאנץ קלאָר. דער אידישער „יעהאָווא" איז נאָך אלעמען געווען א נאציאָנאלער גאָט.

וויא בעוואוסט זיינען נאָך דיא אידען ביז היינט צו טאָג פער־בליבען שוואכע פראָזעליטען אין פערגלייך מיט דיא קריסטען און מאהאמעדאנער. זיי זוכען ניט מגייר צו זיין, זיי גרינדען ניט מיסי־אָנס געזעלשאפטען און שיקען ניט מיסיאָנערען. די אידישע רעליגי־עזע צערעמאָניעס, וועלכע זיינען געווען עכט נאציאָנאלע פעסטליכ־קייטען אין ארץ ישראל, זיינען נאָך געוויסערמאסען אזוי פערבליבען אין גלות. דער ביבלישער מאָזאאיזמוס איז געווען א נאציאָנאלע רע־ליגיאָן און וועט שטענדיג בלייבען פערבונדען מיט דעם יודענטהום אין נאציאָנאלען זינען.

דער אידישער מאָנאָטהעאיזמוס איז געוואָרן א וועלט־קראפט,

א האסמאפאליטישע רעליגיעזע לעהרע נור דורך זיינע צוויי פליגלען:
דעם קריסטענטהום אין מעריב און דעם מאהאמעדאניזמוס אין מזרח.
דיא ערארבערונגען פון דיא אלטערטהימער און דיא פערשפרייטונג
פ:ז דיא גריכישע פילאזאפיע און ציוויליזאציאן האבען געבראכט
צו א צוזאמענמישונג און גייסטיגע אויסגלייכונג פון דיא דאמאלט־
דיגע קולטור־פעלקער ארום דעם מיטעל־מעער, און אויף דיעזען גרונד
האט זיך עס ביסלעכווייז איינגעווארצעלט דאס קריסטענטהום ניט
אלס א נאציאנעלע, זאנדערן אלס אן אלוועלטליכע אדער קאס־
מאפאליטישע רעליגיאן. די ערשטע קריסטען, מייסטענס אידען,
האבען זיך געווענדעט צו די ליידענדע מענשען, פערשפרעכענדיג זיי
ערלייזונג, ניט אלס אנגעהעריגע צו א בעשטימטען פאלק, זאנדערן
מיטגליעדער פוז דער גאנצער מענשהייט. אין דעם איז עס בע־
שטאנען דיא גרויסע אנציהונגס־קראפט פון קריסטענטהום אזוי וויא
פריהער פון בודדיזמוס, וואס איז נאך יעצט דיא פערברייטעסטע
רעליגיאן אויף דער ערד, און שפעטער פון מאהאמעדאניזמוס, ווען ער
איז ארויס פון אראביען מיט פייער און שווערט איינצונעהמען דיא
גאנצע וועלט.

דאך האבען דיעזע אלוועלטליכע רעליגיאנען ניט געווירקט אויף א
פעראייניגונג פון נאציאנאליטעטען. דיא פעלקער, וואס האבען זיך
בעקעהרט צום קריסטענטהום, זיינען פערבליעבען אזעלכע אבגעזונ־
דערטע נאציאנאלע גרופען, וויא פריהער אין אלטען געצענדיענסט.
אלע ציוויליזירטע נאציאנען פון אייראפא און אמעריקא זיינען
יעצט קריסטען, זא דאס קריסטענטהום קען נאטירליך ניט דינען אלס
נאציאנס צייכען. עס איז אפילו ניט א ראסען צייכען, דען דיא פער־
סען און אנדערע פעלקער אין אזיען, וועלכע ווערען צוגערעכענט צו
דער אריער אדער אינדא־ גערמאנישער ראסע, זיינען מאהאמעדא־
נער. נאר ווען מיר זאלען אפילו נעמען אין אנבעטראכט דיא
הויפט־פערטהיילונגען אדער סעקטען פון דער קריסטליכען רעליגיאן,
זא געפינען מיר, אז דער קאטאליציזמוס איז דיא הערשענדע רעליגי־
אן אין שפאניען, פארטוגאל, פראנקרייך, איטאליען, פוילען, איר־
לאנד. בעלגיען, און פיעלע טהיילען פון עסטרייך און אין גאנץ צענ־

טראל און זיד־אמעריקא ; דער פּראָטעסטאנטיזמוס איז פערברייטעט אין גערמאנישע לענדער, אין ענגלאנד און אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; דיא גריכיש־אָרטהאָדאָקסישע אָדער פּראָ־וואסלאוונע קירכע איז דיא הערשענדע אין רוסלאנד, גריכענלאנד און אין עטליכע סלאווישע לענדער.

אויסער דעם זיינען אין יעדער נאציאָן פאראן פערשיעדענע סעקטען, שוין ניט רעכענענדיג דיא פריידענקער, וואָס זייער צאָהל איז פיעל גרעסער וויא מען קען עס זעהן אין טאָג־טעגליכען לעבען.

נאָר אבגעזעהן פון דיעזע אלע פאקטען און בעטראכטונגען, איז עס איבערהויפּט זיכער, אז רעליגיאָן הערט אליין מעהר אויף צו שפּילען א גרויסע ראָלע אין נאציאָנאלען לעבען און ווערט אליין מעהר געשטעלט אויסערהאלב פּאָליטיק אלס א פּריוואט־זאך פון איינ־צעלנע בירגער אין אזעלכע לענדער, וואו די קירכע איז פאלשטענ־דיג אָבגעטהיילט פון שטאאט, וויא אין דיא פעראייניגטע שטאאטען (אלע קירכען ווערען געבויט און אויפגעהאלטען פון דיא גלויביגע זעלבסט אָהן אירגענד וועלכע אריינמישונג פון דער רעגיערונג אין דער גרויסער נאָרד־אמעריקאנער רעפּובליק), ווערט רעליגיאָן ניט אריינגעשלעפּט אין פּאָליטישען קאמפּף.

אז אויסנאהמע אין דיעזער בעציהונג איז נאָר ביי פעלקער, וועלכע ווערען אונטערדריקט פון אנדערע, וויא דאָס איז געוועזען דער פאל מיט דיא אידען און וויא דאָס איז יעצט, צום ביישפּיעל, אין פּוילען און אירלאנד. אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערט דער נאַ־ציאָנאלער ווידערשטאנד, דיא שטרעבונג צו פּאָליטישע אונאבהענ־גיגקייט אליין ענגער פערבונדען מיט דער רעליגיאָן, וועלכע מען הייבט דאן אָן צו בעטראכטען א שוץ־מיטעל געגען נאציאָנאלע אונטער־גאנג. אלס א רעטונג פאר דיא נאציאָנאלע עקזיסטענץ. דארום האָבען זיך דיא אידען אזוי פעסט געהאלטען אפילו אָן דעם תלמוד און אָן אלע אלטע מנהגים און דארום זיינען עס דיא פּאָדיאקען און אירלענדער געוואָרען אזעלכע פערברענטע קאטאָליקען.

4) געאָגראפישע לאגע.— אין בעצוג אויף דיא געאָגראפישע לאגע (אונטער דעם מיינען מיר דיא ווירקונגען פון קלימאט, באָדען, וואסערען און נאטירליכע רייכטהימער פון א לאנד וואָס א בעשטימ־

טע נאציאָן פערנעהמט) פון א נאציאָן קען מען אויך ניט זאָגען, אז זיא כאראקטעריזירט א נאציאָן. עס איז זיכער, אז אין פער־לויף פון יאָהרהונדערטע קענען געוויסע לענדער ארויפלייגען זייער שטעמפעל אויף זייערע בעפעלקערונגען; אָבער אָבגעזעהן דערפון, דאס אזעלכע לענדער דארפען זיך מיט עטוואס בעזאנדער שטארק אונטערשיידען איינע פון דיא אנדערע — לאָמיר זאָגען אזוי וויא האָלאנד פון דער שווייץ אדער ווי סקאנדינאוויען פון איטאליען — איז עס קלאָהר, דאָס דאן דארפען זיך דיזע בעפעלקערונגען ניט צוזאמענמישען מיט אנדערע. פון ערשטען בליק פערשטעהט עס זיך. אז א פלאכע לאנד מיט א סך טייכען העלפט זעהר פיעל א פאלק צו פערשפרייטען זיך דאָרטען, וויא דאָס איז געווען דער פאל מיט דיא רוסען, וועהרענד א געבירגיגע לאנד צוטהיילט אפילו דיא מיטגלידער פון איין שטאם אין פערשיעדענע פעלקער וויא דאָס איז, צום ביי שפיעל, דער פאל אין קאווקאז

אבער פון דער אנדער האנד זעהן מיר, וויא א נאציאָן פער־נעהמט געגענדען פון גאנץ פערשיעדענע קלימאטען און פאָרמען, וועהרענד אין געגענדען וואָס אונטערשיידען זיך זעהר ווייניג אין זייער געאָגראפישער לאגע, געפינען זיך גאנץ פערשיעדענע נאצי־אָנען. דער געאָגראפישער אונטערשיעד צווישען נאָרד־דייטשלאנד און זיד־דייטשלאנד איז זעהר גרויס, געווים פיעל גרעסער וויא צווישען נאָרד־דייטשלאנד, פוילען, דענעמארק און האָלאנד. דער רהיין ווערט שטענדיג בעטראַכטעט אלס דער נאטירליכער גרענעץ צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד; אָבער דיא געאָגראפישע אונ־טערשיעדע אויףביידע ברעגעס פון דיעזען טייך קענען אונז אויף קיין פאל ניט ערקלעהרען דיא נאציאָנאלע אונטערשיעדע פון זייערע בעפעלקערונגען. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען פיעלע אנ־דערע לענדער און פעלקער. דיא קארטען פון דיא לענדער פון אלע יעצטיגע נאציאָנען אין דער אלטער וועלט זיינען ניט איין מאָל געענדערט געוואָרן אפילו אין דער נייער געשיכטליכער צייט.

5) —געמיינשאפטליכע אינטערעסען. —וואָס אָנבעלאנגט צו די געמיינשאפטליכע אינטערעסען פון א נאציאָן, זאָ קענען זיי ניט זיין א שטארקע צוציהונגס קראַפט אין אונזערע צייטען, ווען

אייראָפּא און אמעריקא זיינען מאָדעלירט כמעט אויף איין פאסאָן אין פּאָליטישען און ספּעציעל אין עקאָנאָמישען לעבען. יעדע נאציאָן איז צוטהיילט אין קלאסען מיט פערשיעדענע און געגענזייטיגע אינ־טערעסען. דיא ארבייטער פון איין לאנד, לאָמיר זאָגען דיא פראנצויזען, סימפּאטיזירען יעצט אָפּט, בעזאָנדערס אין דער צייט פון סטרייקס, מיט דיא ארבייטער פון אן אנדער לאנד, לאָמיר זאָגען דיא דייטשען, מעהר וויא מיט דיא פּראנצויזישע קאפּיטאליסטען. דיא אינדוסטריעלע קאָנקורענץ איז אזוי גרויס אין אינלאנד וויא אין אויסלאנד, און דיא טאַריפען מיט דער גאנצער פּראטעקציאָנס־סיסטעם זיינען ניט זעלטען נאָר א מיטעל רייך צו מאכען דיא פאב־ריקאנטען אָדער גוטסבעזיצער אויף דער רעכנונג פון גאנצען פאָלק. יעדענפאלס איז א צאָללפעראיין, וויא רענאן בעמערקט עס גאנץ ריכ־טיג, נאָך קיין פאטערלאנד ניט.

וויא מיר האָבען שוין אָנגעוויעזען אין פאריגען קאפּיטעל, זיינען דיא היינטיגע גרויסע נאציאָנען צוזאמענגעבונדען געוואָרן דורך פייער און בלוט, דורך דיא אונטערדריקונגען פון שוואכערע פעלקער. מלחמות, לאנד־פערהאפּונגען, אויסשלאכטונגען — דאָס געפינען מיר אין דער געשיכטע פון יעדער יעצטיגער נאציאָן. יע־דענפאלס איז דאָס אלעס זעהר ווייט געוועזען פון „געמיינשאפטליכע אינטערעסען".

פעראייניגונגען מיט גוואלט, עראָבערונגען, אונטערדריקונגען פון בעזיעגטע נאציאָנאליטעטען זיינען איבעראל אזוי אָפּט און שטענדיג אָנגעווענדעט געוועזען אלס מיטעל צו שאפען גרויסע שטאא־טען, דאָס גרינדליכע געשיכטליכע נאכפאָרשונגען וועגען דעם קע־נען גיכער צוטהיילען, וויא פערבינדען דיא בעפעלקערונגען אין פערשיעדענע פּראָווינצען פון איין שטאאט. אין דיא לענדער וואו דיא עראינערונגען אָן אמאָליגע פערשיידענהייטען זיינען נאָך ניט איז גאנצען פערשוואונדען, וואו עס זיינען נאָך פערבליעבען סמנים פון פארצייטיגען קאמפף און פריהערע אָבגעזונדערטקייט — אין אזעלכע לענדער איז דאָס שטודיום פון דער געשיכטע איינפאך געפעהרליך פאר דעם שטאאט און פאר דיא נאציאָנאלע איינהייט. עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז מיט זייערע גרינדליכע געשיכטלי־

כע נאַכפאָרשונגען ווענגען דיא סלאַווישע פעלקער און לענדער האָ־בען דיא דייטשע געלעהרטע זעהר פיעל צוגעהאָלפען דעם נאַציאָנאַ־לען קאמפף, וועלכער ווערט אַלץ העפטיגער געפיהרט אין עסטרייך־אונגארן.

רענאַן, וועלכער מאכט אויך אויפמערקזאם אויף דעם אנטי־נאַציאָנאַלען איינפלוס פון געשיכטליכע נאַכפאָרשונגען, זאָגט דארום גאַנץ ריכטיג: „דאָס פערגעסען פון דער געשיכטע (ער מיינט דיא געשיכטע פון לאנד־פערכאַפּונגען און אונטערדריקונגען פון פעלקער) און איך וויל זאָגאר זאָגען דער געשיכטליכער טעות איז א וויכטי־גער פונקט אין דער אויסבילדונג פון א נאַציאָן; דארום איז דיא פערשפרייטונג פון געשיכטליכע נאַכפאָרשונגען אָפט א געפאהר פאר א נאַציאָנאַליטעט“.

און ווירקליך, ווען דיא פּאָליאַקען וואָלטען נאָר געקענט פער־געסען אַז זייער פערגאַנגענהייט און אויסמעקען זייער געשיכטע, וויא צום ביי שפּיעל דיא לאַנגעדאָקען (דיא איינוואָהנער פון זיד־פראַנקרייך), וואָלטען זיי שנעל פערבונדען געוואָרען מיט דיא רו־סען אדער דייטשען אין איין נאַציאָן.

* * *

נו, ווען מיר האָבען ניט קיין בעשטימטען אויסווערטיגען צייכען פון א נאַציאָן, טאָ וואָס־זשע איז זיא דאָך? אין וואָס דריקט זיא זיך אויס?

דערויף ענטפערט רענאַן: „א נאַציאָן איז א גייסטיגער פּרינ־ציפּ, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט און פאָרמירט דורך טיעפע פער־ענדערונגען אין דער געשיכטע. א מאָדערנע נאַציאָן איז א היסטאָרי־שער רעזולטאט פון א רייהע פאַקטען, וועלכע האָבען זיך צוזאמענ־געטראָפען און געווירקט אין איין ריכטונג. זיא איז א גייסטיגע פאַ־מיליע, א נשמה — איינע אין דער פערגאַנגענהייט, דיא אנדערע איז דער געגענוואַרט“.

צו דעם זעלבען שלום זיינען אויך געקומען אנדערע נאַכפאָרשער איבער דיזער הפּכסט וויכטיגער און פערפלאָנטערטער פראגע. עס קומט אלזאָ אויס, אז א נאַציאָן איז עפּעס א רוחניות, א געמיינ־שאַפטליכע נשמה.

.III
יונגע און אלטע נאציאָנען.

לאָמיר יעצט בעטראַכטען, וואָס פאר שליסע מען קען ציהען פון דעם פאָריגען קאַפּיטאַל.

דער ערשטער און וויכטיגסטער שלוס איז, דאָס אזוי וויא א נאציאָן איז ניט ספּעציעל א פּראָדוקט פון אונפערענדערליכע פיזישע קרעפטע, נאָר ענטשטעהט און עטוויקעלט זיך דורך דיא ווירקונגען פון גייסטיגע קרעפטע, פון אונזערע נייגונגען, פון אונזער ווילען (אויב אונזער ווילען איז פריי אָדער ניט, איז דאָ ניט דיא פראגע), זאָ קען עס דאָך א מאָל, אונטער געוויסע אומשטענדען טרעפען, אז דיא גייסטיגע קרעפטע זאָלען גראדע ווירקען געגען דיא נאציאָנאלע איינהייט און זאָגאר עקזיסטענץ. מיר ווייסען גאנץ גוט, אז דיא מיינונגען און געפיהלען פון מענשען בייטען זיך מיט דער צייט, און מיר קענען דארום אויך אָננעהמען, אז דיא נאציאָנאלע געפיהלען זיינען ניט אן אויסנאהמע. אויב א נאציאָן איז א גייסטיגער פּרינציפּ, דער רעזולטאט פון געוויסע היסטאָרישע פּאסירונגען, זאָ קען עס מעגליך זיין, אז איינינע פּאסירונגען זאָלען ווירקען צערשטערענד פאר דיא נאציאָנאלע עקזיסטענץ.

דאָס מוזען מיר אָננעהמען, ווען מיר שטודירען דיא געשיכטע פון פערשיעדענע פעלקער. מיר ווייסען, אז פיעלע נאציאָנען זיינען אונטערגעגאנגען אין אלטע צייטען. מיר ווייסען, צום ביי שפּיעל, אז דיא אלטע איינוואָהנער פון מצרים, א מעכטיגע קולטור־נאציאָן, זיינען פערשוואונדען אין גאנצען. ווען ניט דיא שריפטען און מאָנומענטען, וואס זיי האָבען איבערגעלאָזען נאָך זיך, וואָלטען מיר פון זיי ניט געוואוסט מעהר, וויא מיר געפינען אין דיא בעשרייבונגען פון אלט־גריכישע רייזענדער און היסטאָריקער. דיא אלטע גריכען זעלבסט, דאָס ציוויליזירטעסטע און גייסטרייכסטע פאָלק פון אלטערטהום, זיינען אויך פערשוואונדען, איבערלאָזענדיג אונז זייערע שריפטען, וועלכע האָבען געשפּיעלט אזא אונגעהייער וויכטיגע ראָלע איז אונזער גייסטיגען פאָרשריט. דיא יעצטיגע גריכען זיינען איי־גענטליך סלאווען. דיא מייסטע קולטור־פעלקער, וואָס האָבען גע־

שפּיעלט דיא גרעסטע ראָלען אין אַלטערטהום. וויא דיא פעניקער, באבילאָניער, אסיריער, קארטהאגענער א. ז. וו. זיינען אראָפּ פון דער היסטאָרישער סצענע.

ווארום איז דאָס אזוי? ווארום, צום ביישפּיעל, זיינען דיא באַבילאָניער און אַסיריער פערשוואונדען, וועהרענד זייערע שכנים און ראסען־ברידער, דיא אראבער און אידען, זיינען פערבליעבען ביז'ן היינטיגען טאָג? וואָס איז געווען מיט דיא מצריים, פעניקער, קארטהאָגענער א. ז. וו. זיינען זיי דען ווירקליך אַלע אויסגעשטאָרבען, אָדער זיינען זיי איינגעשלונגען געווארען פון אנדערע פעלקער?

לײדער זיינען מיר נאָך יעצט ניט אין שטאנד צו געבען גרינדליכע וויסענשאפטליכע אנטוואָרטען אויף דיעזע פראגען. אונזערע געשיכטליכע קענטניסע זיינען נאָך ניט אזוי גרוים און טיעף, אז מיר זאָלען קענען בעשטימט זאָגען, ווארום איין פאָלק איז אָבגעשטאָרבען און אַז אנדערער האָט אויפגעלעבט, ווארום איין נאציאָן שטייגט און וואַקסט און אַן אנדערע פאַלט און שטארבט אָפּ. מיר זעהען נור דיא רעזולטאטען, מיר רעכנען זיך מיט פאקטען; אָבער זייערע ריכטיגע אורזאכען זיינען נאָך ניט קלאָר פאר אונז.

דיעזע מערקווירדיגע פאקטען האָבען געפיהרט פיעלע דיינקער, דארונטער אויך דעם בעריהמטען ענגלישען געלעהרטען און פילאָזאָף הערבערט ספּענסער, צו ערקלעהרען, אז נאציאָנען מאכען דורך און מוזען דורכמאכען די צייטען פון יוגענד און אַלטער ווי איינצעלנע מענשען. נאָך זייער לעהרע זיינען דאָ יונגע און אַלטע נאציאָנען ניט נור נאָך דער צייט פון זייער אויפקומען אויף דער ביהנע פון דער וועלט געשיכטע, זאָנדערן אויך נאָך זייערע לעבענספעהיגקייטען. יעדע נאציאָן, ערקלעהרען זיי, מוז סוף כל סוף איבערגעהן פון יוגענד צו אַלטער און שליסליך גאָר אויפהערען צו עקזיסטירען.

אבער אבגעזעהן דערפון, דאָס דיעזע לעהרע ערקלעהרט אונז אייגענטליך גאָר ניט ווארום נאציאָנען מוזען אויפהערען צו זיין יונג און קרעפטיג, בלייבט דאָך דיא פראגע ווארום זיינען גראדע איניגע אַלטע נאציאָנען פערבליעבען און ווארום אייניגע מאָדערנע נאציאָנען מאכען גרעסערע פארטשריטע און זיינען קרעפטיגער און אינגער

וויא דיא אנדערע, אָבוואָהל זיי האָבען זיך אָנגעפאנגען אויסצו־בילדען אין דער זעלבער צייט?

דער פערגלייך פון א נאציאָן מיט אן איינצעלנע פערזאָן האַלט ניט אויס א נעהענטערע קריטיק. עס איז לייכט צו זאָגען, אז א נאַ־ציאָן פערשווינדעט, ווייל זיא ווערט צו אַלט; אָבער וואו זיינען דיא בעווייזע דערצו? וואו זיינען דיא פיזישע גרינדע פון אזא לעה־רע? מיר פיהלען און וויסען דיא פיזישע אורזאכען פון דעם איינ־צעלנעם מענשען׳ס יוגענד, אַלטער און טויט; מיר וויסען גאַנץ גוט אז דער שפּאניער און דער אמעריקאנער, דער פראנצויז און דער ענגלענדער מוזען ווערען אַלט און שטארבען, ווייל דאָס איז א נאַ־טור־געזעץ; אָבער ווארום דער שפּאניער זאָל אָבשטארבען אין זיין פאטערלאנד און אויפלעבען אין אמעריקא — דאָס וויסען מיר גאָר ניט. דאָס איז גאַנץ אונפערשטענדליך.

ווען קיינע מגפות, ערדציטערניסען, מבול׳ס און אנדערע גרויסע צערשטערונגען דורך געוויסע נאטירליכע ערשיינונגען זאָלען ניט טרעפען אין א בעשטימטער געגענד, וואו מענשען קענען וואָהנען, איז ניטא קיין שום גרונד, ווארום דיא בעפעלקערונג זאָל דאָרטען ניט קענען פערמעהרען זיך און פערבלייבען א נאציאָנאליטעט. דיא נאטור האָט זיכער ניט בעשטימט, אז דיא מענשען אין דעם לאנד, וואָס טראָגט יעצט דעם נאָמען שפּאניען, זאָלען ניט קענען אזוי לאנג בלייבען א בעזונדער נאציאָנאליטעט. וויא דיא מענשען אין לענדער, וואָס מען רופט יעצט פראנקרייך, איטאליען, ענגלאנד א. ז. וו.

עס איז אמת, אז אונטער געוויסע גינסטיגע אומשטענדען ענט־וויקעלט זיך איין פאָלק פריהער און שנעלער וויא אַן אנדערעס. אָבער דאָס הייסט ניט, אז דאָס הינטערשטעליגע פאָלק וועט ניט קע־נען ענטוויקלען זיך שפּעטער; נאָך וויניגער הייסט עס, אז אזא הינ־טערשטעליגעס פאָלק וועט מוזען פון זיך זעלבסט אונטערגעהן. צו־ליעב דעם וואָס, צום ביישפּיעל, דאָס רוסישע פאָלק האָט זיך שפּע־טער אנגעפאנגען צו ענטוויקלען אויף דעם וועג פון דער מאָדערנער ציוויליזאציאָן, ווי די וועסט־אייראָפּייאישע פעלקער, וועט דאָך נאַ־טירליך קיינער ניט דרינגען, אז עס קען ניט דערגרייכען א וויי־

טערע שטופּע און אז עס מוז אונטערגעהן. מען דאַרף איינפאַך זיין משוגע צו זאָגען, אז דיא רוסישע נאציאָן וועט פערשווינדען, ווייל זיא איז הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט דער דייטשער אָדער פראַנצויזישער.

דיא אנהענגער פון דער לעהרע וועגען יוגענד און אלטער פון נאציאָנען דרייהען זיך ארוים אין אזא פאַל מיט דער ערקלעהרונג, אז אזא הינטערשטעליגע נאציאָן איז א יונגע. דיא רוסישע נאַ־ציאָן, זאָגען זיי, איז א יונגע, דארום איז זיא אזוי קרעכציג און האָט א גרויסע צוקונפט. אָבער מיט וויא פיעל איז דיא רוסישע נאציאָן יינגער פאַר דער דייטשער אָדער פאַר דער ענגלישער ? און וואָס פאַר א ראָלע שפּיעלען איבערהויפּט עטליכע יאהרהונדערטע אין דעם לעבען פון א פאָלק ? וויא אזוי און ווען ווערט עס בעשטימט, אז איין נאציאָן זאָל זיין יונג און דיא אנדערע אלט ? וויא לאנג דויערט דיא צייט פון נאציאָנאלע יוגענד און אָלטער ? מיט וואָס זיינען עס דיא אייראָפּייער, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין אַמעריקא, איינ־נער און לעבעדיגער געוואָרען פאַר דיא יעניגע, וואָס זיינען פערבלי־בען אין זייער היימאטה ?

מען קען נאָך שטעלען א סך אזעלכע פראַגען, אָבער איינע פון זיי איז גענוג צו צייגען, אז דיא לעהרע וועגען נאציאָנאלע יו־גענד און אלטער איז געבויט אָהן א פונדאמענט און האלט זיך אויף א האאר. עס איז אפילו אמת, דאָס צו יעדער צייט זעהען מיר, וויא געוויסע נאציאָנען זיינען ענערגישער, טהעטיגער, לעבעדיגער און קרעפטיגער פאַר אנדערע; אָבער אין דער ווירקליכקייט העננט עס אב פון אומשטענדען,וואָס האָבען גאנץ ווייניג צו טאָהן מיט דער יוגענד אָדער אלטער פון דיעזע נאציאָנען. צום ביישפּיעל, מען צייגט געוועהנליך אָן אויף דיא בעפעלקערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען אלס א מוסטער פון אן אמת יונגע נאציאָן; אָבער ווען די גרויסע ענערגיע און טהעטיגקייט פון דער אמעריקאנער נאציאָן וואָלטען נור געווען דער רעזולטאט פון איהר יוגענד, וואָלט דאָך דאָס זעלבע בעדאַרפט זיין מיט דער מעקסיקאנער און מיט אלע אנדערע נאציאָנען פון דער נייער וועלט, נאטירליך פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל פון זייערע מיטגליעדער. נור מיר ווייסען דאָך, אז

דאָס איז גאָר ניט דער פאל ; מיר ווייסען גאנץ גוט, אז די יונגע נאַציאָנען פון צענטראל און זיד־אמעריקא צייגען ארויס פיעל וועניגער פעהיגקייטען און ענערגיע, וויא דיא עלטעסטע פון דיא אייראָפּייאישע נאציאָנען. אין וויסענשאפטען, קונסטען, ליטעראטור בלייבט נאָך דיא אלטע אייראָפּא דיא לעהרערין און פיהרערין פון אמעריקא און פון דער גאנצער וועלט.

אין אייראָפּא זעלבסט ווארפט זיך אין דיא אויגען דער מערקווירדיגער פאקט וועגען דיא אונגלייכע ענטוויקלונג און טהעטיגקייט פון אלטע קולטור־נאציאָנען. מיר זעהען, צום ביישפּיעל, דאָס אָבוואָהל איטאליען און דייטשלאנד האָבען כמעט אין איין צייט אויסגעקעמפּפט זייער נאַציאָנאלע איינִיגקייט, שטעהט דאָך איטאליען אויפ'ן שוועל פון באנקראָט און דייטשלאנד ווערט אלץ רייכער און מעכטיגער. אייגענטליך האָט עס בעדארפט זיין פערקעהרט, ווען מיר זאלען נעהמען אין אנבעטראכט דיא פיזישע אומשטענדען פוןביידע לענדער. נאָך דעם קלימאט, דיא פרוכטבארקייט פון באָדען און געאגראפישע לאגע (א האלב אינזעל מיט פראכטפאָלע פּאָרטען אין רעכטען מיטען פון מיטעלמעער), האָט איטאליען בעדארפט זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו איהר בעפעלקערונג, רייכער און וויכטיגער וויא דייטשלאנד. זייט איטאליען איז פעראייניגט געוואָרן האָט זי אויך בעדארפט זיין ענערגישער און טהעטיגער וויא איהר שכנה — דאָס אלטע פראנקרייך. זיינען דען דיא איטאליענער ניט אזוי פעהיג וויא דיא פראנצויזען און דייטשען ? דאָס קען מען אויף קיין פאל ניט זאגען. ווען מען לעזט נאָר דיא געשיכטע פון אייראָפּא. עס איז גענוג אָנצייגען אויף אזעלכע זשעניען וויא דזשאָרדאנאָ ברונאָ, גאלילעי. דאנטע, מישעל אנדזשעלאָ, ראפאעל א. ז. וו. אום זיך צו איבערצייגען, אז איטאליען איז געוועז דיא וויגעלע פון דער יעצטיגער אייראָפּייאישער ציוויליזאציאָן.

קורץ, דיא לעהרע וועגען יוגענד און אלטער פון נאציאָנען אין דעם זינען וויא דיא יוגענד און אלטער פון איינצעלנע פּערזאָנען מוזען מיר אין גאנצען פערווארפען. אָבער וויא זאָלען מיר דאָך זיך ערקלעהרען דעם אונבעשטרייטבארען היסטאָרישען פאקט, דאָס פיעלע נאציאָנען זיינען פערשוואונדען ?

נאך אונזער מיינונג איז דיא קורצע איינפאכע אנטוואָרט אויף דיעזער פראגע פאָלגענדע: אונטערדריקונג מיט גוואלט און אסימי־לאציאָן אונטער דעם איינפלוס פון א העכערע קולטור.

צוערשט איז עס קלאָר, דאָס א פאָלק קען נאָר דאן אונטערגעהן און פערשווינדען, ווען עס ווערט שליסליך בעזיעגט פון אן אנדער פאָלק נאך א לאנגען בלוטיגען קאמפף. קיין פאָלק, וויא שוואך און ווילד עס איז ניט געוועזן, האָט זיך נאך קיין מאָל ניט פריייוויליג אָבגעזאגט פון זיין לאנד און אונאבהענגיגקייט עס מוז געשעהען א גרויסער גוואלד־אקט, אום א פאלק זאָל זיך אונטערגעבען. ווען מען לעזט דיא געשיכטע פון אמאָליגע פעלקער, זעהט מען דייטליך, אז אלע די יעניגע פעלקער וואס זיינען פערשוואונדען געוואָרען, זיינען איינגענומען געוואָרן פון אנדערע, שטארקערע אָדער קריגערישע פעלקער ,מיט וועלכע זיי האָבען זיך מיט דער צייט צוזאמענגעמישט.

ווען א פאלק ווערט בעזיעגט, הייסט עס נאָך ניט, אז זיין פער־שווינדונג איז א נויטוועגדיגער רעזולטאט. מיר ווייסען גאנץ גוט, אז פיעלע פעלקער האָבען אראָפגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון זייערע בעזיעגער און אונטערדריקער און זיינען נאכדעם זאָגאר מעכ־טיג געוואָרען. דאָס פערשווינדען פון א גאנצען פאָלק נאָך א ניעדער־לאגע אין קריעג איז נור מעגליך געווען אין דיא ווילדעסטע צייטען, ווען דיא בעזיעגטע פלעגען איינפאך אויסגעשלאכטעט ווערען ביז איין מאן. אָבער אין אזעלכע צייטען האָבען נאָר עקזיסטירט קליינע קריגערישע שטאמען, און פון א נאציאָן אפילו אין דעם זינען פון אלטערטהום האָט גאָר קיין סימן ניט געקענט זיין. אין געשיכטליכע צייטען האָט דאָס פערשווינדען פון פעלקער געקענט ארויסקומען ניט דורך שלאכטען, זאָנדערן דורך א נאָהענטע און שטענדיגע צו־זאמענמישונג פון דיא זיעגער מיט דיא בעזיעגטע.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ביי אזא צוזאמענמישונג האָט געמוזט איבערלעבען אזא פאָלק, וואָס איז געשטאנען העכער אין קולטור אָדער וואָס איז געוועזן פון דער נאַטור און אומשטענדען שטארקער און פעהיגער. דיא געשיכטע ליפערט אונז פיעלע בעווייזע, אז אזוי איז עס צוגעגאנגען מיט פיעלע פעלקער אין פערשיעדענע לענדער. צום ביישפיל, דאָרט וואו דיא גריכיש־רוימישע ציוויליזא־

ציאָן איז איינגעפלאנצט געווארן נאָך זיעגרייכע שלאכטען, דארטען זיינען פאָרגעקומען צוזאמענמישונגען פון פעלקער. דיא בעזיעגטע האָבען געשטרעבט נאָכצומאכען דיא זיעגער און איבערצונעהמען זייערע מנהגים, זייערע קונסטען און אפילו זייער שפראך. אייניגע פעלקער זיינען אויף דיעזער ווייזע אין גאנצען איינגעשלונגען געווארען אין מלכות רומא, ווייל דיא שטרעבונג צו דערהויבען זיך צו דער שטופע פון א רוימישען בירגער איז דאן געוועזן זעהר גרויס.

דיעזע אסימילאציאָן איז אזוי ווייט געגאנגען, דאָס ווען דיא רוימישע אימפעריע, וועלכע איז אלץ שוואכער און פערדאָרבענער געווארען—טהיילווייז טאקע דורך די צוזאמענמישונגען מיט אזיאַטישע פעלקער און מייסטענס דורך דיא שרעקליכע שקלאווערײ און שטייגענדע סאָציאלע אונגלייכהייט— ווען זיא איז שליסליך צופאלען געוואָרן דורך דיא אטאקעס פון דיא בארבארישע גערמאנער שטאמען, האָבען דיעזע בארבארען ביסלעכווייז דאָך איבערגענומען דיא גריכיש־רוימישע ציוויליזאציאָן. דיא נייע נאציאָנען, וועלכע האבען זיך אויסגעבילדעט אין איטאליען, פראנקרייך און שפאניען— אלץ טהיילען פון דיא אלטע רוימישע אימפעריע — טראָגען נאָך עד היום דעם נאָמען ראָמאנישע אָדער לאטיינישע. פון דיא גאָטהען, אסט־גאָטהען, וואנדאלען און אנדערע גערמאנער שטאמען, וועלכע האָבען זיך אריינגעריסען אין דיעזע לענדער, איז נאָר געבליעבען אן אָנדענקען אין דער געשיכטע. דיעזע בארבארישע פעלקער האבען טאקע בעזיעגט דיא אלטע רוימער, אָבער אונטער דעם איינפלוס פון דיא גריכיש־רוימישע ציוויליזאציאָן, האָבען זיי זיך דערביי אזוי געענדערט, דאָס זיי האָבען אָנגענומען דיא מנהגים און אפילו דיא שפראך פון דיא בעזיעגטע. ביי דיעזער צוזאמענמישונג האָט שליסליך געזיעגט דיא העכערע קולטור.

די געשיכטע פון מיטעלאלטער צייגט אויך, וויא מעהר ענטוויקעלטע און פעהיגע פעלקער, ווען זיי ווערען אפילו בעזיעגט פון בארבארען, לייגען דאָך ארויף זייער שטעמפעל אויף דיא זיעגער און שלינגען זיי איין אין זיך. אזוי איז עס, צום ביישפיעל, געשעהן מיט דיא טאָטערס אין רוסלאנד און מיט פיעלע סלאווישע פעלקער אין דייטשלאנד (ערשט אין דער לעצטער צייט איז מען דורך דיא נאָכ־

פאַרשונגען פון דייטשע געלעהרטע דערגאַנגען, אז פיעלע געגענדען פון דייטשלאַנד זיינען בעזעצט געווען פון סלאַווען).

אין אונזערע צייטען קען אויך פאָרקומען אזא פערשווינדען פון א פאָלק. עס פערשטעהט זיך, אז א גרויסע און שטארקע נאציאָן קען ניט נור בייקומען א קליינע און שוואכע נאציאָן, זאָנדערן איהר איינפאך אסימילירען, נאטירליך נאָך א לאַנג־יעהריגען קאמפף. ווען דיא גרויסמעכטע פון אייראָפּא וואָלטען ניט געווען אזוי אייפערזיכטיג איינע אויף דיא אנדערע און וואָלטען ניט געשטרעבט אָנצוהאלטען, וואָס מען רופט, דעם פּאָליטישען גלייכגעוויכט, וואָלטען בעלגיען, האָלאַנד און דיא שווייץ שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אינאבהענגיגע לענדער און זייערע בעפעלקערונגען וואָלטען שליסליך איינגעשלונגען געווארען אין די גרויסע נאציאָנען, וועלכע וואָלטען זיי בעזיעגט. דאָס וואָלט געדויערט א לאַנגע צייט, פיעלייכט יאהרהונדערטע, אָבער דאָס פערשווינדען פון דיא קליינע בעזיעגטע נאציאָנען וואָלט געווען אונפערמיידליך.

וואָס אָנבעלאַנגט צו פעלקער אויף א נידעריגער שטופע פון קולטור, זאָ ווערען זיי ביסלעכווייז איינגעשלונגען פון דיא קאָלאָניאַלע מעכטע אונטער אונזערע אויגען. אין אלע קאָלאָניעס פון דיא אייראָפּייאישע נאציאָנען ווערען דיא איינגעבאָרענע ביסלעכווייז אסימילירט. מען אונטערדריקט זייער אונאבהענגיגקייט מיט געוואלט אין נאָמען פון ציוויליזאציאָן, און מיט דער צייט ווערען זיי צוגעוואָהנט צו דער הערשאפט און צו דיא פיהרונגען פון דיא אייראָפּייער. פיעלע אינדיאַנער שטאמען און פעלקער האָבען זיך אזוי שנעל צוזאמענגעמישט מיט דיא אייראָפּייער, אז זיי זיינען שוין לאַנג פערשוואונדען. עס איז אמת, אז א טהייל פון זיי זיינען איינפאך אומגעבראכט געוואָרען פון דיא זיעגערס דיא ערשטע צייטען, אָבער נאכהער איז פאָרגעקומען א צוזאמענמישונג.

עס איז נאטירליך זעהר שווער פאָראויס צו זאָגען וואָס פאַר א צוקונפט דיא יעצטיגע אייראָפּייאישע נאציאָנען וועלען האָבען; נאָר מען קען אָננעהמען אז דיא יעניגע פון זיי, וועלכע וועלען קענען לאַנג אָנהאלטען און שנעלער ענטוויקלען זייערע קאָלאָניעס, וועלען ווערען אלץ שטארקער און ענערגישער. טראָץ דעם וואָס זיי זיינען

אַלטע. מען קען אויך אָננעהמען, אז דיא ציוויליזירטע נאציאָנען וואס זיינען שוין יעצט דיא גרעסטע און שטארקסטע, וועלען ווערען נאָך שטארקער און צאָהלרייכער אויף דער רעכנונג ניט נאָר פון זייערע קאָלאָניעס, זאָנדערן פון שוואכע נאציאָנען. זייער יוגענד אָדער אלטקייט האָט דערמיט גאָר ניט צו טאָן.

אין אלגעמיין קען מען זאָגען, אז צווישען דיא נאציאָנען האָט עקזיסטירט און עס עקזיסטירט אויך יעצט א „קאמפף אומס דא־זיין" אזוי וויא צווישען איינצעלנע פערזאָנען. דיא שטארקערע בע־זיעגען דיא שוואכערע, דיא מעהר ענטוויקעלטע בעהערשען דיא ווייניגער ענטוויקעלטע.

IV.

דיא אידישע נאציאָן און ציוניזמוס.

דער צווייטער שלום פון דעם גייסטיגען פרינציפּ פון נאצי־אָנען איז. אז עס איז מעגליך, דאָס א נאציאָן זאל קענען עקזיסטי־רען גאָר אָהן א בעזונדערע לאנד, ווען זיא זאל אפילו צושפרייט זיין איבער דער גאנצער ערד. וויא באלד דער צוזאמענהאנג צווישען דיא מיטגליעדער פון יעדער נאציאָן קומט הויפּטזעכליך פון זייער געמיינשאפטליכע היסטאָרישע פערגאנגענהייט און פון זייער גע־מיינשאפטליכע נשמה אין דער געגענוואַרט, זאָ קען עס דאָך געמאָלט זיין. אז דיעזער צוזאמענהאנג זאל ניט צושטערט ווערען, ווען זיי זאלען זיך געפינען אין פרעמדע לענדער.

עס גיבט אָבער דערצו א ביישפּיעל אין דער פּראקטיקע ? דיא געשיכטע צייגט אָן בלויז אויף איין ביישפּיעל. דאָס איז נעמליך: דיא אידישע נאציאָן. שוין 2000 יאהר, וויא זיא איז פעריאגט געוואָרען פון איהר אייגענע לאנד, וויא זיא איז אין גלות. אין פער־לויף פון דיעזע יאהרטויזענדע האָט מען איהר ניט אויפגעהערט צו אונטערדריקען און צו פערפאָלגען אויף דער שרעקליכסטער אָרט. מען האָט איהר געטריבען פון איין אָרט אויף דעם אנדערן, מען האָט איהר ניט געלאָזען זיך אָפּרוהען. דיא גאנצע וועלט האָט זיך אזוי וויא פערבונדען איהר צו פערניכטען, אָפּצוראַמען פון דער ערד. איהר געשיכטע איז א בעשרייבונג פון צרות און פּייניגונגען, א

מארטיראלאָג. דיא שרעקליכע לעגענדע פון „אייביגען איד" איז ג־ט אומזיסט צוגעפּאַסט געוואָרן צו איהר גלות.

דאָך האָט זיא ניט נור אריבערגעטראָגען דיעזע אַלע אונגליקען און מאַטערניסען, וועלכע וואָלטען לאַנג פערטיליגט אַן אנדער פאָלק. זאָנדערן זיא האָט זיך נאָך פערמעהרט און זאָגאַר פער־שטאַרקט. עס איז אמת, אַז דיא שטענדיגע פערפאָלגונגען האָבען גראַדע געטריעבען דיא אידען צו בלייבען אידען, צו האַלטען זיך אָן זייער רעליגיאָן און מנהגים; אָבער דאָך וואָלט דאָס אליין ניט אבגעהאלטען זיי פון אונטערגאַנג דורך צוזאמענמישונגען מיט אנ־דערע פעלקער — פיעלע צוזאמענמישונגען זיינען סיי וויא סיי פאָרגעקומען — ווען זיי וואָלטען דערביי אין גאַנצען פערלאָרען זייער אלטען נאציאָנאלען געפיהל, זייער אלטע היסטאָרישע נשמה.

מען זאגט געוועהנליך, אַז אידען וואלטען אין גאנצען פער־שוואונדען, ווען זיי וואלטען זיך ניט געהאלטען פעסט אָן זייער רעליגיאָן. דאס איז אמת, אָבער מען דאַרף ניט פערגעסען, אז דיע־זע רעליגיאָן איז ענג פערבונדען געווארען מיט דעם נאציאָנאלען געפיהל, מיט דער נאציאָנאלער נשמה. טראָץ איהר אַלגעמיינעם מאָ־נאָטעאיסטישען כאראקטער, טראָץ איהר אלגעמיינע לעהרען, איז דיא אידישע רעליגיאָן פּראקטיש פערבליעבען אַן אָבגעזונדערטע, א נאציאָנאלע, זאגאר אן אנטי־פּראָזעליטישע. מיר האָבען שוין אויבען אָנגעצייגט, אז ווען נאַציאָנען ווערען פערפאָלגט, פעראייני־גען זיי זיך אַרום זייער רעליגיאָן, אום בעסער און לייכטער זיך אָנ־צוהאלטען, אום ניט צו פאלען אונטער דעם פרעמדען דרוק. דיא רע־ליגיאָן ווערט דאן א נאציאָנאלער פלאג. אלס ביישפּיעל האָבען מיר געבראַכט דיא פּאָלאַקען און אירלענדער; אָבער דיא אידען זיינען נאָך א פיעל בעסערער און שטאַרקערער ביישפּיעל.

דער „לשנה הבא בירושלים" דער טרוים וועגען א משיח א.

ז. וו. — דאָס זיינען געוועזן נאַציאָנאַליסטישע געביידעס אויף דעם פונדאמענט פון מאָזאאיזמוס, אום צוזאמען צו האלטען דיא אי־דען, אַז זיי זאלען ני טפערגעסען אָן זייער אָבשטאמונג, זייער פער־גאַנגענהייט, און זאָלען האָפען אויף אַ בעסערע צוקונפט.

וויא ווייט דאָס איז ריכטיג, צייגט אונז יעצט דער זאָ־גענאַנ־טער פּאָליטישער ציוניזמוס.

דיעזער מאָדערנער מעסיאַניזמוס איז אויך ארויסגערופען געוואָרען דורך דיא פערפאָלגונגען און ערנידערונגען, וואָס אידען האָבען נאָך אַלץ אויסצושטיין איבעראל. זיין פאָטער איז דער אַנ־טיסעמיטיזמוס. דיא קריטישע ציוניסטען גיבען עס אליין צו. ווען מען פּאָלעמיזירט מיט זיי וועגען זייער אידעאל, וועגען זייער ענד־ציעל, שיקען זיי זיך שטענדיג אויף דיא שטענדיגע פערפאָלגונגען פון אידען, אויף דיא אַנטיסעמיטישע בעוועגונג אַלס אַ רעכטפערטי־גונג פאר זייערע טרוימען.

דער אנטיסעמיטיזמוס איז ווירקליך א פאקט, מיט וועלכען אי־דען מוזען זיך רעכנען. ער איז אייגענטליך איינגעוואָרצעלט ביי אַלע קריסטליכע פעלקער, נאָר ער צייגט זיך ארויס מיט מעהר אדער וועניגער קראַפט אין פערשיעדענע לענדער. דאָס העננט אָפּ פון דער קולטור שטופּע, אויף וועלכער זיי געפינען זיך. אין איי־ניגע לענדער, וועלכע זיינען נאָך עקאָנאָמיש און אויך פּאָליטיש פערהעלטניסמעסיג וויניג ענטוויקעלט, ווערען נאָך אידען פער־פאָלגט און אונטערדריקט אזוי, אז מען קען מיינען, דאָס דיא פינס־טערע צייטען פון מיטעלאַלטער קעהרען זיך אום צוריק.

דיא קעשענעווער בלוטבאָד אליין איז גענוג צו ברייננגען אידען אין פערצווייפלונג וועגען זייער לאגע אין דער וועלט. זיא איז איי־נע פון דיא שוידערליכסטע פּאסירונגען אין דער געשיכטע. מען פערגלייכט איהר מיט דער בערטהאָלאָמעיער נאכט אין פאריז, ווען דיא קאַטאָליקען האָבען אויסגעשלאַכטעט מאַסען פּראָטעסטאַנ־טען, דיא זאָ־גענאַנטע הוגענאָטען; אָבער מען דארף ניט פערגעסען, אז אין פראַנקרייך איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ פייערדיגער פּאָליטישער קאמפּף. אז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דיא הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירכע און פון דער אַלטער מאָנאַרכיע. נאָך מעהר דארף מען ניט פערגעסען, אז דיא שרעקליכע אויסשלאַכטונג פון דיא הוגענאָטען האָט פּאסירט אין 16־טען יאהרהונדערט, אין דער צייט ווען דיא באַרבאַריי און דער פאַנאַטיזמוס פון מיטעלאַלטער האָבען נאָך איבעראל געהערשט מיט זייער גאַנצער שרעקליכער

מאכט. דיא קישענעווער הריגה האט אבער געטראפען אין 20־טען יאהרהונדערט. דיא אפפער האבען ניט געקעמפפט געגען דיא בע־שטעהענדע ארדנונג, האבען זיך איבערהויפט ניט בעטהייליגט אין פאליטישע אנגעלעגענהייטען. דיא קעשענעווער אידען האבען קיינעם ניט געריהרט; זיי זיינען געווען צופריעדען, וואס מען לאזט זיי צו רוה, וואס מען נעהמט ניט אוועק ביי זיי דיא מעגליכקייט צו מאכען א קלעגליכען לעבען. מיט א מאל איז מען זיי בעפאלען מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט. זייערע הייזער האט מען בערויבט און צושטערט, זיי זעלבסט האט מען געפייניגט און געמארדעט, זייערע פרויען און טעכטער געשענדעט; אפילו זייערע קליינע קינ־דער האט מען ניט געשוינט!

וויא שוידערליך דיא בארטהאלאמעיער נאכט איז ניט געווען, האט מען אבער ניט געמארדעט פרויען און קינדער; דיא קאטוילי־שע פערשווערער האבען נור געוואלט אויסראטען דיא וויכטיגסטע הוגענאטען, זייערע געפעהרליכע פאליטישע געגנער. אין קעשענעוו האט מען געשלאכטעט אפילו ברוסט־קינדער און שוואנגערע פרויען אזוי וויא אין אטילא'ס און שאמדלאנ'ס צייטען. אונזער גאנצע פיעל פערשריענע ציוויליזאציאן איז אזוי וויא פערשוואונדען; מענשליכקייט איז אבגעשטארבען; געבליעבען איז נאר דיא בעסטיע אין מענשען־געשטאלט.

נאר מען וועט זאגען, אז דיא קעשענעווער הריגה איז אן אויס־נאהמע אפילו פון אלע פאגראמען, אז זיא איז א פלעצליכער אויס־ברוך פון דיא טהירישע אינסטינקטען אין מענשען, א פלעצליכער שטראם פון ווילדהייט, א וואלקענברוך פון רציחה אויף דעם קלאה־רען הימעל פון ציוויליזאציאן. זאל זיין אזוי, לאמיר עס גלוי־בען, דען עס ווילט זיך אזוי גלויבען צו עהרע פון מענשליכקייט און ציוויליזאציאן. יא, לאמיר זיך טרייסטען מיט דער האפנונג, אז א וויטערע בלוטבאד וויא אין קעשענעוו וועט שוין קיין מאל ניט טרעפען. אבער דיא שטענדיגע פערפאלגונגען, וואס אידען האבען איבערצוטראגען אין פיעלע לענדער, זיינען אויך גענוג טרויעריג און שרעקליך. אויף יעדען שריט שרייען זיי צום איד: „פערגעס ניט פון וואנען דו שטאמסט!....“

אפילו אין דיא פארגעשריטענסטע און ליבעראלסטע לענדער, אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, אין פראנקרייך און ענגלאנד, וואו אידען האבען פאלקאם גלייכע פאליטישע רעכט מיט דיא קריסטען, וואו זיי קענען זיך זאגאר פערגעסען אז זייער גלות — אפילו דארט קוקט מען דאך ניט אויף זיי וויא אויף גלייכע. וויא מיר זאלען ניט ווילען זיך נארען מיט דיעזען גלאנץ פון פאלי־טישע גלייכהייט, מוזען מיר דאך צוגעבען, אז עס בלייבט אן „עפעס", וואס שיידעט און זונדערט אפ דיא אידען פון זייערע קריסטליכע מיטבירגער. אין סאציאלען לעבען פיהלט מען עס זעהר שארף אפילו אין אמעריקא, וואו דיא אידען האבען ניט נאר אלע בירגערליכע רעכטע, נאר קריגען אויך א בעדייטענדען פאליטישען איינפלוס דורך דיא שטייגענדע צאהל פון זייערע שטימען: עס איז גענוג אנצו־ווייזען, דאס אין איינינע אמעריקאנער קלובען, האטעלען און זאגאר הייזער לאזט מען ניט צו אידען. דער זעלבער אנגעזעהע־נער איד, וואס ווערט זעהר פריינדליך אויפגענומען פון קריסטען אויף פאליטישע פערזאמלונגען, וואס שפיעלט א גרויסע ראלע אין עפענטליכען לעבען, וואס פארנעהמט א הויכע שטעלע אין דער רעגיערונג — דער זעלבער איד ווערט פון דיא זעלבע קריסטען אויסגעשלאסען אין סאציאלען פערקעהר, אין פריוואט־לעבען. דיא אידען און קריסטען לעבען מערקווירדיג אבגעזונדערט אין אמע־ריקא, טראץ אלע פרייהייטען און פאליטישע אורזאכען, וועלכע האבען זיי בעדארפט ענגער צוזאמענברייננגען. דיא אידען האבען זיך זייערע סאציאלע קלובען, און דיא קריסטען זייערע. זיי טרעפען זיך נאר צוזאמען אין ספעציעל פאליטישע קלובען, און דאס אויך ניט אין רייכע און אריסטאקראטישע.

דאס זעלבע איז אויך מיט בעללער און פערשיעדענע אנדערע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען. ווען אן אמעריקאנער געלט־אריסטאקראט גיט א באל, פרעגט ער ניט, אויב דיא געסט געהערען צו דיעזע אדער צו אן אנדערע קריסטליכע סעקטע, אויב זיי זיי־נען קאטאליקען, לוטעראנער, קאלוויניסטען, מעטהאדיסטען, פרעסביטעריאנער א. ז. וו. ער קימערט זיך אויך ניט, אויב זיינע געסט זיינען ענגלענדער, פראנצויזען, דייטשען א. ז. וו. ער לאדעט

זיי איין, ווייל ער האַלט זיי פאַר סאָציאַל גלייכע מיט איהם, ווייל, פּראָסט געזאָגט, עס פּאַסט איהם צו האָבען זיי פאַר זיינע געסט. ער וועט אָבער אונטער אומשטענדען געוועהנליכע אומשטענדען ניט איינלאַדען א אידען. מעג דיעזער איד זיין וועד ווייסט ווי רייך אָדער בעריהמט, מעג דיעזער איד זיך טרעפען מיט איהם אין פּאָליטישען און אינ־דוסטריעלען לעבען אַלס פריינד און שותף. פערזענליך מעגען זיי, דער איד און דער קריסט, אכטען איינער דעם אנדערן, זיין דיא בעס־טע פריינד, אָבער אין זייער פאַמילען־לעבען בלייבען זיי אָבגעזונ־דערט, פרעמד. וויא פיעלביידע זאָלען ניט טענה'ן, אַז זיי זיינען גלייכע בירגער, בלייבט דאָך צווישען זיי אַן אָבגרונד וואָס, ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג, טרעטען זיי ניט אריבער.

עס זיינען דאָ זעהר וועניג ניט־אידען — מעגען זיי אפילו זיין פריי־דיינקער און אזעלכע קאָסמאָפּאָליטען, וויא פיעלע סאָציאַליסטען זיינען עס, אָדער דיינקען אַז זיי זיינען עס — וועלכע קוקען אויף אַ אידען מיט דיא זעלבע אויגען וויא אויף זייערע אנ־דערע מיטבירגער, וועלכע זיינען אבזאָלוט פריי פון פאָראורטהיילע געגען אידען. געוועהנליך בעטראַכטעט מען דיא אידען אַלס פרעמ־דע. מעגען זיי וויא לאַנג וואָהנען אין לאַנד און זיין אנערקענטע בירגער. זייער רעליגיאָן מעג אַנערקענט ווערען אזוי גוט וויא אנדע־רע. אָבער מען קוקט אויף זיי דאָך ניט וויא אויף מיטגליעדער פון אַ געוויסע סעקטע. דיא רעליגיאָן אליין וואָלט דיא אידען ניט אזוי שטאַרק דערווייטערט פון קריסטען, ווען זיי וואָלטען ניט גערעכענט געוואָרען פאַר מיטגליעדער פון אַן אנדער פאָלק, פון אַן אנדער ראַסע. דיא זאָ־גענאַנטע סובאָטניקעס, ווען זיי זאָלען זיך אפילו אין גאַנצען אָפּזאָגען פון קריסטענטהום און אָננעהמען אַלע פאָרשריפ־טען און לעהרען פון דער אידישער רעליגיאָן, וועלען דאָך ניט בע־טראַכטעט ווערען פאַר אידען, וועניגסטענס דיא ערשטע צייט ביז זיי וועלען זיך ניט צוזאַמענמישען מיט אידען. אָט זיי, דיא סובאָטני־קעס, וועט מען טאַקע בעטראַכטען נאָר וויא סעקטאַנטען.

אויב דיעזע בעציהונגען צו אידען זיינען ניט אַנטיסעמיטישע, טאָ וויא זאָל מען זיי רופען? פריינדליכע זיינען דיעזע בעציהונ־גען געוויס ניט. דאָס מוזען צוגעבען אפילו דיא פערברענטעסטע

אידישע אסימיליאטארען, וויא פיעל זיי זאלען זיך ניט אנשטרענגען צו צומאכען דיא אויגען און צו שרייען, אז דיא זון שיינט ניט. דיא אסימיליאטארען האבען פאלשטענדיג רעכט, ווען זיי פרעדיגען, אז דיא אידען דארפען זעהן זיך אויסצוגלייכען מיט דיא אומות העולם און איבערנעהמען דיא אייראפייאישע ציוויליזאציאן; אבער דיא ציוניסטען האבען אויך רעכט, ווען זיי ערקלעהרען, אז דערמיט אליין וועלען דיא אידען נאך ניט געהאלפען ווערען, אז דער איינגע־ווארצעלטער אנטיסעמיטיזמוס וועט דורך דעם נאך לאנג־לאנג ניט אבגעשאפט ווערען, אז דיא אידישע פראגע וועט בלייבען אפען.

מיר וועלען דא לאזען אן א זייט אין גאנצען דיא פראגע, אויב ציוניזמוס איז פראקטיש אדער איינפאך א פאנטאזיע; מיר וועלען דא ניט איבערניצעווען דיא ארגומענטען פון דיא ציוניסטען און פון זייערע געגנער. דאס וועט אונז אריינפיהרען אין צו ווייטע דרכים. דער צוועק פון דיעזען ביכעל איז צו בעטראכטען דיא נא־ציאנאליטעטס־פראגע אין אלגעמיינען פון א פילאזאפישען שטאנד־פונקט. מיר האבען נאר געבראכט דיא אידען אלס א ביישפיעל אין אונזערע בעטראכטונגען און דעם ציוניזמוס האבען מיר אנגעריהרט. אום צו צייגען, אז אידישע נאציאנאלע געפיהלע זיינען נאך ווייט ניט אבגעשטארבען, טראץ אלע אסימילירענדע קרעפטע פון דער אייראפייאישער ציוויליזאציאן, און אז זיי געפינען אן אויסדרוק אין א גאנץ נייער בעוועגונג צו גרינדען א „יודענשטאאט“ אין ארץ ישראל.

וואס מען זאל ניט דענקען וועגען דעם „סולטאן׳ס טשארטער“, וועגען דעם אידישען קאלאניאל־באנק,וועגען די שקלים, פאלעסטינער קאלאניעס און אנדערע זאכען, מיט וועלכע דיא ציוניסטען טרייס־טען זיך און בעשעפטיגען זיך אזוי ערנסט אויף זייערע קאנגרעסען און פערזאמלונגען; נאר דאס קען מען ניט אפלייקענען, אז דער פונדאמענט דערפון איז דער פערבליבענער נאציאנאלער געפיהל פון אידען. דער אנפאנג און דער סוף, דער „א“ און דער „ת“ פון דער יעצטיגער ציוניסטישער בעוועגונג איז סענטימענט, א געפיהל זאך. דער איד, ביי וועמען דער אידישער געפיהל איז אבגעשטארבען, קען ניט ווערען א ציוניסט, וויא פיעל מען זאל איהם ניט פערפאל־

גען דערפאר וואס ער איז געבארען געווארען א איד. דיא יעניגע וואס לאכען זיך אויס פון דעם יעצטיגען ציוניזמוס אלס א פאנטא־זיע, וואס קוקען אויף ציוניסטען וויא אויף טרוימערס און זאגאר משוגעים, נעהמען געוועהנליך ניט אין אנבעטראכט דעם געפיהל־קוואל, פון וועלכען אלע אלטע און נייע מעסיאניסטישע בעוועגונגען האבען ארויסגעשטראמט.

מיט דיעזען נאציאנאלען געפיהל מוז מען זיך רעכענען אין אלע אידישע אנגעלעגענהייטען. וואס עס וועט זיין אין דער וייטער צוקונפט מיט אידען, קען קיינער ניט וויסען. עס איז מעגליך, אז סוף כל סוף וועלען אידען זיך טאקע אסימילירען אזוי וויט, אז זיי וועלען אין גאנצען איינגעשלונגען ווערען פון דיא נאציאנען, צו וועלכע דער גלות האט זיי פערטראגען. אבער דערווייליע עקזיסטירט נאך א אידישער נאציאנאלער געפיהל, וואס ווערט אלץ שטארקער. דארום האבען מיר א רעכט צו זאגען, אז עס עקזיסטירט אויך א איר דישע נאציאן.

צוליעב נאציאנאלע צוועקען אונטערשטיצט אויך דער ציוניז־מוס דיא אלטע אידישע רעליגיאן, אזוי וויא דער אלטער מעסיאניז־מוס. אז און פיר זיך האט ער ניט נור קיין צוזאמענהאנג מיט דער רעליגיאן, זאנדערן ער איז אייגענטליך אן אפיקורסת, דען נאך דעם אלטען גלויבען הייסט עס, אז גאט וועט שיקען א משיח, וועלכער וועט ערלייזען דיא אידען און וועט זיי ברענגען אין דער פערשפרא־כענער לאנד נאך א גאנצע וועלט־איבערקערענים מיט נסים. דיא חסידים און פרומע מתנגדים זיינען דארום געגען דיא יעצטיגע ציוניסטישע בעוועגונג, וועלכע וויל ניטווארטען אויף א משיח מיט נסים. נאר דער נאציאנאלער געפיהל איז נאך אזוי שטארק, אז פיעלע פרומע אידען מאכען זיך ניט וויסענדיג פון דיא משיח לעגענדען און סימפאטיזירען מיט דעם אפיקורסישען ציוניזמוס. אפילו ארטהאדאקסישע רבנים געפינען זיך אין דיא ציוניסטישע רייהען. מען פערבויגט אביסעלע דעם אלטען גלויבען צוליעב דעם הייסען וואונש ערלייזט צו ווערען פון גלות דורך א משיח אין דער געשטאלט אפילו פון א „סולטאנ׳ס טשארטער“. יעדענפאלס, קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז ווען דער ציוניסטישער אידעאל זאל א

מאל אויסגעפיהרט ווערען, וועלען דיא פרומסטע אידען זיך פרע־הען מיט דעם „יודענשטאאט” אהן א משיח.

פון זייער זייט חנפה'נען זיך דיא ציוניסטען צו דיא ארטהאָ־דאָקסען. מען דארף ניט זיין א גרויסער דיפּלאָמאט צו פער־שטיין. אז דער הויפּט קראפט פון יודענטהום ליעגט אין דער אָר־טהאדאָקסישער מאסע און אז אָהן דיא הילפע פון דיזער מאסע וועט דער מאָדערנער ציוניזמוס אימער בלייבען א גאנץ טויטע בעוועגונג. דיא זאָ־גענאַנטע רעפאָרמירטע אידען זיינען מייסטענס אסימיליטאָרען, וואָס ווילען געוועהנליך גאָר ניט הערען פון ציו־ניזמוס. איינער פון דיא לייכטעסטע מיטעל צו געווינען דיא סימ־פּאטיע פון אָרטהאָדאָקסען אויף דער זייט פון דיא ציוניסטען איז צו שטיצען דיא אידישע רעליגיאָן. דאָס טוען אפילו אזעלכע ציור־ניסטען, וואָס זיינען פריי־דיינקער און וואָס וואָלטען אונטער גע־וועהנליכע אומשטענדען גאָר קיין שייכות ניט געהאט מיט אידיש־קייט אין רעליגיעזען זינען. זיי גיבען צו, אז זיי בעזוכען א מאָל א סינאגאָגע און מאכען דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס, ניט ווייל זיי גלויבען, זאָנדערן ווייל זיי זיינען נאַציאָנאַליסטען. דיא רעליגיאָן איז אין זייערע אויגען נאָר א מיטעל אָנצוהאלטען און צו בעפעסטי־גען דעם אידישען גייסט, דעם נאַציאָנאַלען געפיהל. דיא אידישע ימים טובים ערקלעהרען זיי פאר עכט נאַציאָנאַלע פעסטליכקייטען און אויף דעם גרונד נעהמען זיי אנטהייל אין די צערעמאָניעס אפילו אין דיא סינאגאָגען. זייערע קינדער ערציהען זיי אויך אין דעם זי־נען און זארגען איבערהויפּט צו אונטערשטיצען דיא פערשפּריי־טונג פון לשון קודש, אידישע געשיכטע און אידישקייט אין אלגע־מיין.

דער רעזולטאט דערפון איז אַלזאָ א פערשטארקונג פון דער אי־דישער רעליגיאָן. וואָס דיא ציוניסטען זאָלען ניט זאָגען, וויא פיעל זיי זאָלען ניט אַרבייטען פיר דיא אויספיהרונג פון זייערע פּאָליטי־שע אידעאַלען, וויא פיעל גליקען זיי זאָלען ניט פערשפּרעכען אין דער צוקונפט, נור דערווייל שוואכען זיי אָפּ דעם זאָ־גענאַנטען „קולטור־קאמפף” געגען דיא אָרטהאָדאָקסען פון דעם פרייען גייסט. אין דיזען זינן איז דער מאָדערנער ציוניזמוס איינפאך א רעאק־

ציאָנערע קראַפט. זיין נאַציאָנאַליזמוס שנייט זיך ניט נור געגען אסימילאַציאָן, זאָנדערן אויך געגען פרייע אויפקלעהרונג פון דער אידישער מאַסע, וועלכע איז איינגעקלאַמערט געוואָרן אין דער אידישקייט פון פינסטערן מיטעלאַלטער.

נאָר יעדענפאַלס וועט דער אידישער נאַציאָנאַלער געפיהל אַלץ שטאַרקער אין אונזער צייט. דיא שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלע איינהייט ביי אַלע אייראָפּייאישע פעלקער, וויא עס איז אָנגעצייגט געוואָרען אין פאָריגע קאַפּיטעלעך, רופען זיך אויך אָפּ אויף אידען. מען האָט גערעכענט, אַז דיא אידען זיינען גענייגט צום קאָסמאָפּאָליטיזמוס, אַז נור זיי קענען זיין קאָסמאָפּאָליטען אין דער ווירקליכקייט, ניט בלויז מיט'ן מויל, ווייל זיי האָבען קיין אייגען לאַנד ניט און זיינען צושפּרייט איבער דער גאַנצער ערד; אָבער עס לאָזט זיך גאָר אויס, אַז אַ מערקווירדיגע נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג, אַ מאָדנער מעסיאַניזמוס אונטער דעם נאָמען ציוניזמוס האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען זיי. דער אַלטער נאַציאָנאַלער געפיהל פון אידישען פאָלק האָט בלויז געפונען אַ נייעם אויסוועג אין דעם קאַמפּף פאַר זיין עקזיסטענץ און רייסט זיך צו זיין אַלטע היימאַטה.

V.

פּאַטריאָטיזמוס, נאַציאָנאַל־האַס און קאָסמאָפּאָליטיזמוס.

אָננעהמענדיג אַז אַ נאַציאָן איז אַ גייסטיגער פּרינציפּ, אַ געמיינשאַפטליכע נשמה פון אַ געוויסע גרופּע מענשען, מוז מען אויך קומען צום שלוס, אַז נאַציאָנען קענען לעבען צווישען זיך אַזוי פריינדליך אַלס אַ טהייל פון דער מענשהייט וויא איינצעלנע פּערזאָנען אַלס מיטגליעדער פון איין נאַציאָן. עס פערשטעהט זיך פון ערשטען בליק, אַז מען קען זיין אַ הייסער פּאַטריאָט און דאָך ניט האַסען אַנדערע נאַציאָנען. פּאַטריאָטיזמוס און נאַציאָנאַל־האַס זיינען צוויי בעזונדערע געפיהלען. דער ערשטער דריקט אויס אָנגעהעריגקייט צו אַ בעשטימטע נאַציאָן, אַ נייגונג צו איהרע פיהרונגען און צו איהר כאַראַקטער, אַן אינטערעס אין איהר ערפאָלג, אַ געוואָהנהייט צו לעבען אונטער איהרע אומשטענדען; דער צווייטער קען אָר אַרויסגעקומען דורך אַ קאַמפּף מיט אַן אַנדער נאַציאָן, דורך

שטרייטען און מלחמות.

ווען צוויי נאציאָנען זאָלען לעבען און זיך ענטוויקלען פריעד־ליך, ווען זיי זאָלען ניט זוכען צו בעהערשען איינע דיא אנדערע, דאַן איז ניטאָ קיין שום גרונד, ווארום זייערע בעציהונגען זאָלען ניט זיין פריינדליכע. יעדער בירגער קען גאנץ היים ליעב האָבען דאָס וואס ער בעטראַכטעט אלס זיין נאציאָנאלע אייגענטהימליכקייט, קען שטאָלצירען מיט דיא פיהרונגען און אויפטואונגען פון זיין נאציאָן, אבער דערביי קען ער אויך זיין פריינדליך צו דיא בירגער פון אַן אנדער נאַציאָן. יעדענפאַלס איז עס גאָר ניט נויטהווענדיג, אז דיא פאַטריאָטישע געפיהלען זאָלען טרייבען צו נאציאָנאַל־האַס, אויסער אין דעם פאַל ווען איין נאַציאָן דריקט און פערפאָלגט אנדערע.

דער נאציאָנאַל־האַס איז אזא שענדליכער און געפעהרליכער געפיהל וויא רעליגיעזער האַס. ביידע שטאַמען פון דיא אמאָליגע בארבארישע און פינסטערע צייטען, ווען פעלקער פלעגען פיהרען שטענדיגע מלחמות, ווען איין פאָלק פלעגט נאָר זוכען צו בעפאַלען, צו אונטערדריקען און צו בערויבען אנדערע, ווען מענשען זיינען געווען גראָב און ווילד. פאַטריאָטיזמוס אָבער איז ניט א שעדליכער געפיהל אַן און פיר זיך. ער איז א נאַטירליכער אויסדרוק פון אנ־געהעריגקייט צו א געוויסע נאציאָן.

עס איז א גרויסע פראַגע, אויב פאַטריאָטיזמוס וועט ווען עס איז אויפהערען, אויב ער וועט פערשווינדען אין א ליעבע צו דער גאנצער מענשהייט, אין קאָסמאָפּאָליטיזמוס. דיא נאציאָנאלע איי־גענטהימליכקייטען, ספּעציעלע נייגונגען און פיהרונגען קענען גאנץ גוט פערבלייבען אפילו ווען אלע נאציאָנען זאָלען זיין פערבונדען. זיי קענען זיך אָנהאַלטען אָהנע צו שטערען דיא קאָסמאָפּאָליטישע שטרעבונגען, דיא אלמענשליכע איינינגקייט. דער קאָסמאָפּאָליטיז־מוס פאָדערט גאָר ניט א פאָלשטענדיגע אויסגלייכונג און צוזאמענ־שמעלצונג פון אלע נאציאָנען, ער פאָדערט ניט אז אלע מענשליכע גרופּען זאָלען זיך פיהרען גלייך אין יעדער הינזיכט און זאָלען זיך אָרגאַניזירען נאָך דעם זעלבען מוסטער. ער פאָדערט נאָר, אז דער נאציאָנאַל־האַס זאָל אויפהערען, אז קיינע מאָרד־פּאַטריאָטישע

שטרייטען זאָלען ניט פֿאָרקומען, אז עס זאָל הערשען פֿריעדען אויף דער ערד.

מיר זיינען שוין געקומען צו אזא שטופע, אז אלע מענשען ווערען אנערקענט אלס גלייכע בירגער. נאָר ווען מיר פֿאָדערן גלייכהייט פֿיר אלע מענשען, פֿערשטעהען מיר עס אין דעם זינען, אז זיי זאָלען האָבען גלייכע רעכטע און גלייכע שאנסען אין דעם קאמפֿף פֿיר עקזיסטענץ. עס פֿאלט אונז גאָר ניט איין צו פֿאָרלאנגען, אז אלע מענשען זאָלען דיינקען גלייך און זיך פֿיהרען גלייך. מיר ווייסען אז דאָס איז איינפֿאך א נאַטירליכע אונמעגליכקייט. מענשען ווערען געבאָרען מיט פֿערשיעדענע נייגונגען, פֿעהיגקייטען און כאַראקטערע אזוי גוט וויא מיט פֿערשיעדענע געזיכטען. דיא נאַטירליכע גייסטיגע אונגלייכהייטען פֿון מענשען זיינען אזוי גרויס, אויב ניט גרעסער, וויא דיא פֿיזישע. דיעזע פֿערשיעדענהייטען שטערען ניט איינצעלנע פֿערזאָנען צו לעבען צוזאמען אין געזעלשאַפֿטען, אין קליינע און גרויסע גרופּען, צו פֿערבינדען זיך אין נאַציאָנען. וויא גרויס דער איינגעבאָרענער עגאָאיזמוס פֿון איינצעלנע פֿערזאָנען זאָל ניט זיין, וויא ביטער דער קאמפֿף פֿיר עקזיסטענץ זאָל ניט זיין צווישען מיטגליעדער פֿון איין נאַציאָן, דאָך האַלטען זיי זיך צוזאמען און קעמפֿפֿען אויף צוזאמען, ווען זיי געפֿינען עס פֿאַר נויטיג. זייערע געמיינשאַפֿטליכע אינטערעסען איבערשטייגען אָפֿט זייערע פֿערזענליכע אינטערעסען. דער איינציגער „איך“ ווערט איינגעשלונגען אין נאַציאָנאלען „איך“, אָבוואָהל ער הערט קיין מאָל ניט אויף צו עקזיסטירען בעזונדער און ארויסווייזען זיין נאַטירליכען עגאָאיזמוס.

ניט נאָר האַלטען מיר פֿיר נויטיג, דאָס יעדער מענש זאָל זיך אנהאַלטען זיין פֿערזענליכען כאַראקטער און זיך ענטוויקלען פֿריי נאָך זיינע פֿערזענליכע נייגונגען און פֿעהיגקייטען, זאָנדערן מיר דיינקען. אז אנדערס וואָלט עס געקומען צו א גייסטיגע שקלאַפֿעריי, צו אן אָבשטעלונג פֿון דער ראָד פֿון פֿראָגרעס. מיר בעשיצען אונזער פֿערזענליכע פֿרייהייט, אונזער אינדיווידואַליטעט מיט אלע אונזערע קרעפֿטע, נאָר אין דער זעלבער צייט האַלטען מיר זיך אויף אז אונזער נאַציאָנאלע אינדיווידואַליטעט. ניט נאָר שטערען זיי

געוועהנליך ניט איינע די אנדערע, זאָנדערן זיי זיינען אזוי ענג פער־בונדען, אז מען קען זיי גאָר ניט אָפּזונדערן. יעדער מענש, וואָס פאר א כאראקטער ער זאָל ניט האָבען, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון זיין נאַציאָן. ווען מיר זאָגען, צום ביישפּיעל, ענגלענדער אָדער פראַנצויז, מיינען מיר ניט א בעשטימטע פּערזאָן מיט זיין נאַטיר־ליכען כאראקטער, זאָנדערן אויך א פּערזאָן, אין וועלכער דיא גע־מיינשאַפטליכע נשמה, דער נאַציאָנאַלער כאראקטער איז מעהר אדער ווייניגער פערקערפּערט.

דאָס זעלבע קען זיין און וועט אויך א מאָהל זיין מיט נציאָנען אין אן אלטוועלטליכען פערבאנד. וואָס מעהר און טיפער די ציוויליזאציאָן וועט זיך פערשפּרייטען, אל זמעהר איינהייט וועט זיין צווישען דיא נאציאָנען; אָבער ווען זיי וועלען זיך זאָגאר פערבינדען אין א קאָסמאָפּאָליטישען שטאאט, וועלען זיי ניט פערליערען זייער נאציאָנאלע אינדיווידואליטעט. דער פראַנצויז וועט זיך פערבלייבען מיט זיינע נאַציאָנאלע אייגענשאַפטען, דער ענגלענדער מיט זיינע אקוראט וויא זיי פערבלייבען מיט זייערע פּערזענליכע אייגענשאַפטען אין נאַציאָנאלען פערבאנד, אָבער צו פיינדשאַפט וועגען דיעזע פערשיעדענהייטען וועט עס שוין ניט קומען. מענשען וועלען זיך אזוי גוט קענען פערטראָגען אין אן אלוועלטליכען פער־באנד וויא זיי פערטראָגען זיך יעצט אין א נאַציאָנאלען פערבאנד.

יעדע נאַציאָן בעשטעהט אייגענטליך פון א געוויסע צאָהל גרופּען מיט ספּעציעלע אייגענטהימליכקייטען. עס איז ניט מעהר ווי נאַטירליך. דאָס א גרופּע מענשען וואָס וואָהנען אין א בעשטימטער געגענד אונטער אונגעפעהר דיא זעלבע אומשטענדען, זאָלען קריגען עפּעס בעזונדערע שטריכען אין זייער כאראקטער, זאָלען זיך אין גע־וויסע בעציהונגען אונטערשיידען פון אנדערע גרופּען אין דעם זעל־בען לאנד. דארום ענטשטעהען פערשיעדענע פּראָווינציעלע טיפּען אין יעדער נאַציאָן. דיא שפּראַך, דיא ראַסע, דיא פיהרונגען א. ז. וו. זיינען דיא זעלבע פאר אלע פּראָווינצען, אָבער דאָך פערבלייבען געוויסע צייכענס, נאָך וועלכע מען אונטערשיידעט זייערע איינוואָה־נער. דיא אויסשפּראכע, דער אַקצענט, געוויסע קלאַנגען, זשעסטען,

מאניערען א. ז. וו. גיבען גלייך ארוים דיא פּראָווינציאַלען, צייגען אָז פון וואנען זיי קומען. זאָגאר דיא איינוואָהנער פון פערשיעדענע שטעדט אין איין לאַנד אונטערשיידען זיך אין מאנכע בעציהונגען. יעדערער וויים עס פון ערפאהרונג, און דארום וועלען מיר זיך אויף דעם מעהר ניט אָבשטעלען.

דיעזע גרופּען בעטראַכטען זיך דאָך אלס איין נאַציאָן. זייערע אייגענטהימליכקייטען, זייערע, זאָ צו זאָגען, פּראָווינציעלע אינדיווידואליטעטען שטערען זיי גאָר ניט צו לעבען גאַנץ פריינדליך און צו בעטראַכטען זיך פאר מיטבירגער פון איין לאַנד. עס טרעפט זאָגאר, אז פון געוויסע פּראָווינציאַלען לאַכט מען אָפּ צוליעב זייערע זאָנדערבאַרקייטען; מען מאַכט שפּאַס, צום ביישפּיעל, פון זייער אַקצענט, פון זייערע געוויסע מאַניערען און פיהרונגען; אָבער אויך איז אזאַ פאַלל קומט גאָר קיינעם פון דיא אָפּלאַכערס ניט אויף דיא געדאַנקען צו בעטראַכטען אזעלכע פּראָווינציאַלען אנדערש וויא מיטגליעדער פון איין נאַציאָן.

אזוי קען עס אויך זיין מיט דיא נאַציאָנען אין זייערע בעציהונגען צו דער גאַנצער מענשהייט. דאַס וואָס גרופּען און פּראָווינצען זיינען יעצט אין איין לאַנד, דאָס זיינען נאַציאָנען און לענדער אין דער גאַנצער וועלט. עס איז ניטאָ קיין שום נאַטירליכער גרונד, וואָרום נאַציאָנען זאָלען זיין פריינדליך איינע צו דיא אנדערע און אימער בלייבען אָבגעזונדערט אזוי, אז אן אלוועלטליכער פערבאַנד צווישען זיי זאָל זיין אונמעגליך, ווען יעדע וועט נאָר זיין גאַראַנטירט מיט איהר אַטאָנאָמיע, מיט איהר אינדיווידואַליטעט.

דיא געשיכטע בעווייזט, אז וואָס וועניגער דיא נאַציאָנאַלע איינהייט שטערט דיא בירגער אָנצוהאַלטען זייער פּערזענליכע פרייהייט און צו פיהרען זיך נאָך זייערע פּערזענליכע נייגונגען, דאָס הייסט, וואָס וועניגער זייער אינדיווידואַליטעט ווערט בעשרענקט — אלץ קרעפטיגער און ענגער ווערט דיעזע איינהייט. גראַדע ווייל יעדער פיהלט זיך פריי און זעלבסטשטענדיג אין דעם נאַציאָנאַלען פערבאַנד, ווערען אלע אלץ פּאַטריאָטישער. דיא נאַציאָנאַלע שטרעבונגען ווערען א טהייל פון יעדענס פּערזענליכען כאַראַקטער. ווערען צוזאַמען געשמאָלצען מיט יעדענ'ס „איך". עס גיבט ניט קיין גרעסערער צוואַנג אויף מענשען וויא אזעלכער, וואָס זיי

לייגען ארויף אויף זיך פרייוויליג. אזוי איז עס שוין אין דער נאַטור פון מענשען.

דארום וועלען זיך מענשען פיהלען גאַנץ פריי און זעלבסטשטענדיג, ווען אלע נאציאָנען זאָלען זיך פעראייניגען אויף דעם פונדאמענט פון גלייכהייט, פרייהייט און ברידערליכקייט. וויא באלד אלע וועלען זיין געזיכערט מיט פרידען און יעדע נאַציאָן, וויא קליין זיא זאָל ניט זיין, וועט ניט מורא האָבען פאַר איהר זעלבסטשטענדיגקייט און אַטאָנאָמיע, דאַן וועלען זיי אויך האָבען א געמיינשאַפטליכען אינטערעס זיך צו פערבינדען וואָס ענגער. א פערמעהרונג פון נאַצאָניאלע גרופען וועט ניט זיין א שטערונג פאַר אַן אלוועלטליכען פערבאַנד, אַזוי וויא עס איז ניט א שטערונג פאַר דיא נאַציאָנאַלע איינהייט, ווען בידנער קענען ווייטער און פרייער ענטוויקלען זייערע אינדיווידועלע נייגונגען און פעהיגקייטען.

אין אלגעמיינען קען מען זאגען, אז נאציאָנאַלע אָדער אלוועלטליכע איינהייט איז גאַר ניט אין ווידערשפּרוך מיט אינדיווידועלע אָדער פּראָווינציעלע פערשיעדענהייטען. אלעס צוזאמען איז אזוי וויא איין אָרגאַניזם: יעדער טהייל האָט זיך זיין בעשטימטע אַרבייט, אָבער דער רעזולטאַט איז גוט פאַר דאָס גאַנצע.

דיא ענטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, אויף וועלכע עס איז אָנגעציינט געווען אין ערשטען קאַפּיטעל פון דיעזען ביכעל, איז גאר ניט א בעוויז געגען קאָסמאָפּאָליטיזמוס. עס איז נאָר א בעווייז פון אונזער פאָרשריט, פון אונזער אַלגעמיינע גייסטיגע ענטוויקלונג. פּראָגרעס בעשטעהט ניט אין איינפאָרמיגקייט, זאָנדערן אין פערשיעדענהייט. דאָס בעווייזט אונז דיא וויסענשאפט: יעדע ענטוויקלונג קומט דורך פערענדערונגען. וואָס פערשיעדענער עס זיינען דיא וועגען, אויף וועלכע ענדערונגען קענען פאָרקומען, אלץ שנעלער און שטאַרקער איז דיא ענטוויקלונג. אין ציוויליזירטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען קריעגען איינצעלנע פּערזאָנען אלץ מעהר מעגליכקייטען ארויסצוציינען זייער אינדיווידואליטעט, און דארום איז דיא ענטוויקלונג פון דער גאַנצער נאַציאָן אזוי גרויס. דורך דעם ענטשטעהען אלץ מעהר גרופען אין לאַנד, און פּראָווינצען

זובען זעלבסטשטענדיגקייט, אייגענע פערוואלטונג, אטאנאמיע. אין די ערטער, וואו עס זיינען נאך פערבליעבען נאציאנאלע אונטערשיעדען פון אמאליגע צייטען, ווערען דיעזע אונטערשיעדען מעהר ענטוויקעלט, און דורך דעם קומען עס פאר די בעוועגונגען צו נאציאנאלע אבגעזונדערטקייט. וועלכע שיינען פון ערשטען בליק צו זיין אין ווידערשפרוך מיט די אויבען אנגעצייגטע אלטוועלטליכע ווירוקנגען פון אינדוסטריע און האנדעל. אין דער צוקונפט וועלען אויפקומען נאך מעהר נאציאנאלע גרופען וויא יעצט, גרויסע נאציאנען וועלען צוטהיילט ווערען אויף אויטאנאמישע פראווינציעלע גרופען. אבער דאס וועט דאך סוף כל סוף זיי נים אפהאלטען פון אן אלגעמיינע פעראייניגונג אויף דעם גרונד פון געמיינשאפטליכע אינטערעסען.

יעדענפאלס איז עס א פאקט, דאסביידע שטרעבונגען, די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע, ענטוויקלען זיך גלייכצייטיג זייט ביי זייט צוזאמען מיט אונזער ציוויליזאציאן.

קאטאלאג
פון דער
אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק

פיליפ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שעהן געבונדען פרייז יעדער באַנד.........75 ס.

" " דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, 3 טיילען אין איין באַנד, שעהן געבונדען....75 "

" " אַמעריקא פאַר קאָלומבוס, אַ קולטורגעשיכטליכע נאָכפאָרשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, געבונדען....50 "

" " יציאת מצרים, מיט איין קאַרטע פון מצרים.........15 "

" " וואס הייסט נאציאן—זיינען אידען אַ נאַציאָן?......10 "

" " אריסטאטעל, זיין ביאגראפיע..................10 "

" " ברוך שפינאזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע......15 "

" " שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע.................15 "

" " יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראַפיע..............15 "

" " בר כוכבא, זיין ביאָגראָפיע...................15 "

" " לעסינג און מענדעלסאהן, זייער לעבען, שריפטען און טהעטעגקייט. 185 זייטען...................25 "

" " דיא פאמיליע ראטהשילד, זייער לעבען און פינאַנציעלע טהעטיגקייט, 61 זייטען.....................15 "

" " דון יצחק אברבנאל און זיינע זיהן, 67 זייטען.......15 "

" " מאָהאמעד, דער גרינדער פון מאָהאמעדאניזמוס, 65 זייטען..........................15 "

" " מעיערבעער, זיין ביאָגראַפיע...................15 "

מאָררים ראָזענפעלד, געזאמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד 337 זייטען, אילוסטרירט, שעהן געבונדען..$1.00

" " היינריך היינע, זיין ביאָגראַפיע, 85 זייטען...15 ס.

" " יהודה הלוי, דער גרויסער העברעאישער דיכטער, 64 זייטען......................15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענד, 546 זייטען, פרייז יעדער באנד 50 ״

" " זרבבל, ערצעהלונג.......................... 05 ״

דר. קאספע, מעכאַניקע, נאָך סיר אייזיק ניוטאָן.......... 10 ״

" " אַסטראָנאָמיע ״ ״ ״.................. 15 ״

" " אָנפאַנג פון כעמיע........................ 15 ״

יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, 400 זייטען, שעהן געבונדען.......... $1.00

י. גאָרדין, גאָט, מענש און טייוועל, דראַמא אין 4 אַקטען.......... 25 ס.

" " אלישע בן אבויה, היסטארישע דראַמא אין 4 אַקטען..... 15 ״

" " דער אונבעקאַנטער, דראַמא אין 4 אַקטען מיט אַ פּראלאָג 20 ״

" " וואלטער, זיין ביאָגראַפיע...................... 10 ״

מאקסים גארקי, ערצעהלונגען, 92 זייטען............ 15 ״

ליעוו טאלסטאָי, פּאטריאטיזמוס און רעגירונג................ 05 ״

דער איינציגער מיטעל.................... 05 ״

מ. באראנאוו, דער מענש און זיין נאטור.................. 10 ״

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאגראפיע.............. 10 ״

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאגראפיע.................. 10 ״

פּ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע.............. 10 ״

" " דער ווילנער גאון, זיין ביאגראפיע.................. 10 ״

מ. פרומקין, רב ישראל בעל שם טוב, זיין ביאגראפיע.......... 10 ״

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאהן, זיין ביאגראפיע......... 15 ״

לעאָפּ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא און 3 אַקטען.......... 20 ״

„קניאז פּאטיאמקין״, דיא געשיכטע פון דעם בעריהמטען מאַטראָזען

אויפשטאַנד, אילוסטרירט, 100 זייטען....... 20 ״

דר. ש. פּעסקין, סטרייקס און זייער ניצליכקייט פיר דיא ארבייטער.. 05 ״

צו אַדרעסירען:

A. M. EVALENKO, PUBLISHER

22 N. WILLIAM ST., NEW YORK